STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04885

DI ENDERUNGEN IN DEM STATUT FUN DER ALKP(B)

Andrei Aleksandrovich Zhdanov

Permanent preservation of this book was made possible
by Louis & Mildred Resnick
in honor of
Jared Moise Aini, our second great grandson born March 23, 2000

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!

א. זשדאנאָוו

די ענדערונגען אין דעם סטאַטוט פון דער אלקפ(ב)

פאָרטראָג אפן XVIII פארטיי־צוזאמענפאָר
דעם 18-טן מארט 1939 יאָר

מעלוכע־פארלאג „דער עמעס“,
מאָסקווע 1939

אינהאלט

זײַט

אריינפיר 5

וועגנ אָפּשאפנ די קאטעגאָריעס באמ אופנעמענ אינ דער פארטיי 11

וועגנ די רעכט פונ די פארטיי־מיטגלידער 16

וועגנ אָפּשאפנ די מאסעווע רייניקונגענ 19

וועגנ אָנייגענע אונ אָנערקענע די פארטיי־פּראָגראמ 29

וועגנ דער אינערלעכ־פארטייִשער דעמאָקראטיע 31

וועגנ צוקלײַבנ קאדרענ, קאָנטראָלירנ די אויספּילונג, ארויסרוקנ נײַע קאדרענ פארטיי־טוער . . 34

וועגנ ליקווידירנ די טעאָרעטישע אונ פּאָליטישע אָפּגעשטאנענקײַט פונ די קאדרענ 39

וועגנ דער איבערבויונג פונעמ פארטאפּאראט אונ וועגנ די אלפארבאנדישע קאָנפערענצנ . . 42

וועגנ די אופגאבנ פונ די פּראָדוצירישע אונ סאָוועטישע ערשטיקע פארטאָרגאניזאציעס . . 44

וועגנ די סאכאקלענ פונ דער דיסקוסיע איבער די טעזיסנ פונעמ פּאָרטראָג „וועגנ די ענדערונגענ אינעמ סטאטוט פונ דער אלקפּ(ב)" 50

Редактор перевода Р. Фиш. Техред Ф. Фрумкина.
Корректор А. Стрельник. Сдано в набор 29/III-39 г.
Подписано к печати 27/IV-39 г. Формат бум. 60X92$^{1}/_{16}$ 4 п. л. 4,20 уч. изд. л.
Уполномоч. Главлита РСФСР А— 5614. Тираж 25.000 „Дер Эмес" № 228.

17-я Типография треста полиграфкнига. Москва,
Шлюзовая набережная, д. 10. Зак. № 270.

אַרײַנפיר

כאַווײרים!

אינ זײַנ פאָרטראָג אפנ XVIII צוזאמענפאָר האָט דער כאווער סטאלינ אונטערגעצויגנ א סאכאקל פונ די גראנדיִעזע זיגנ פונעם סאָציִאליזם, וועלכע אונדזער פארטיי האָט זיכ דערשלאָגנ אינעם צווייטנ פינפיאָר. דער כאווער סטאלינ האָט געגעבנ אנ אויסשליסלעכנ לויט דער טיפקײַט אונ קלוגשאפט אנאליז פונ די באדינגונגענ פונ אונדזערע זיגנ אונ האָט אָנגעצייכנט א גראנדיִעזע פראָגראם פונ ארבעט, וואָס איז פארבונדנ מיט די אופגאבנ פונ דעם בעהאדראָגעדיקנ אריבערגאנג פונעם פארבאנד ססר פונעם סאָציִאליזם צום קאָמוניזם.

דער זיג פונעם סאָציִאליזם איז דער טריִומפ פונ אונדזער פארטיי, דער טריִומפ פונ איר לעניניש-סטאלינישער אָנפירונג.

עס האָט געזיגט די פאָליטיק פונ דער פארטיי, עס האָט געזיגט איר טעאָריע, איר אידעאָלאָגיע, עס האָבנ געזיגט אירע אָרגאניזאציִאָנעלע פרינציפנ.

ארומ אונדזער פארטיי האָבנ זיכ באהעפט די פילמיליאָניקע מאסנ ארבעטנדיקע פונ אונדזער לאנד. אירע אידייענ, די אידייענ פונ קאָמוניזמ, זײַנענ געוואָרנ די פאָנ פונעם סאָוועטישנ פאָלק.

דאָס לייזנ די אלוועלטלעכ-היסטאָרישע אופגאבנ פונ בויענ דעמ סאָציִאליזמ אונ פונ באשיצנ די דעראָבערונגענ פונעם סאָציִאליזמ, וואָס האָט געזיגט, קעגנ דער קאפיטאליסטישער ארומרינגלונג אונ איר אגענטור אינווייניק אינ פססר האָט געפאָדערט פונ דער פארטיי א ראדיקאלע איבערבויונג פונ דער פארטייִש-פאָליטישער אונ אָרגאניזאציִאָנעלער ארבעט.

אָפגערייניקט זיכ פונ דער פײַנטלעכער פאטקודסטווע, פארפעסטיקט דערמיט גופע די באָלשעוויסטישע איינהײַט אונ פעסטקײַט פונ אירע רייענ, איבערגעבויט די פארטייִש-פאָליטישע אונ אָרגאניזאציִאָנעלע ארבעט, האָט די פארטיי אומגעהייער פארפעסטיקט איר קראפט אונ מעכטיקײַט, איר אידייִשע אונ אָרגאניזאציִאָנעלע באוואָפענונג.

די פארטיי איז געוואָרנ שטארק ווי קיינמאָל!

דאָס האָבנ מיר צו פארדאנקענ דער אָנפירונג פונעם כאווער סטאלינ! (שטורמישע אפלאָדיסמענטנ, אלע שטעלנ זיכ אופ, אויסרופנ „הורא".)

דער קוואל פונ דער קראפט פונ אונדזער פארטיי, דער קוואל פונ אירע אלוועלטלעכ־היסטאָרישע זיגנ באשטייט אינ דעמ, וואָס זי איז א פארטיי פונ א נײַעמ, לעניניש־סטאלינישנ טיפ, אנ אומקאָמפראָמיסלעכע בענעגייע צו אָפאָרטוניסטנ, צו אלע סאָנימ פונעמ ארבעטער־קלאס. אונדזער פארטיי — איז די פארטיי פונ סאָציאלער רעוואָליוציע, זי איז אויסגעוואקסנ אפ דער פעסטער באזע פונ דער טעאָריע פונ מארקס — ענגעלס — לענינ — סטאלינ. איר פראָגראמ אונ טאקטיק, אירע אָרגאניזאציאָנעלע פרינציפנ באזירנ זיכ אפ דעמ גראניט־פונדאמענט פונעמ מארקסיזמ־לעניניזמ. אינ אירע רייענ זײַנענ די בעסטע פאָרשטייער פונעמ ארבעטער־קלאס, די סאמע איבערגעגעבענע זינ זײַנע, די סאמע באוווסטזיניקע, רעוואָליוציאָנערע, דרייסטע, דיסציפלינירטע. אדאנק דעמ איז די באָלשעוויסטישע פארטיי געוואָרנ דער שלאכט־שטאב פונעמ ארבעטער־קלאס, זײַנ רעוואָליוציאָנערער אוואנגארד, א פארטיי

„...א גענוג דרייסטע אפ צו פירנ די פראָלעטאריער צומ קאמפ פאר דער מאכט, א גענוג דערפארענע אפ צו פאנאנדערקלײַבנ זיכ אינ די קאָמפליצירטע באדינגונגענ פונ דער רעוואָליוציאָנערער סיטואציע אונ א גענוג בייגעוודיקע אפ אויסצומײַדנ אלע אונ אלערליי אונטערוואסער־שטיינער אפנ וועג צומ ציל" (סטאלינ, וועגנ די יעסודעס פונעמ לעניניזמ).

די ראָליע פונ אנ אוואנגארד פונעמ ארבעטער־קלאס פילט אויס די פארטיי באָלשעוויקעס ניט נאָר מיט איר קאָנסעקווענט־רעוואָליוציאָנערער, וויסנשאפטלעכער פראָגראמ אונ טאקטיק, נאָר אויכ מיט דער אָרגאניזאציע. די כאראקטעריסטישע באזונדערקײַט פונ אונדזער פארטיי באשטייט אינ דעמ, וואָס זי האָט אפ אלע עטאפנ פונ איר רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט צוגעגעבנ אנ אויסשליסלעכע באדײַטונג דער אָרגאניזאציע. זי האָט גראָמירט דעמ אָפאָרטוניזמ אינ די אָרגאניזאציאָנעלע פראגנ, ארויסרוקנדיק יעדעס מאָל אזעלכע אָרגאניזאציאָנעלע פאָרמענ, אזעלכע קלאָלימ אונ געזעצנ פונ איר אינערלעכנ לעבנ, וועלכע האָבנ אנטשפראָכנ די היסטאָרישע באדינגונגענ פונ דער טעטיקײַט פונ דער פארטיי אונ געזיכערט די אויספילונג פונ אירע פאָליטישע אופגאבנ.

די אָרגאניזאציאָנעלע פרינציפנ פונעמ באָלשעוויזמ זײַנענ א געצײַג צו פארווירקלעכנ די קאָנסעקווענטע רעוואָליוציאָנערע פראָגראמ אונ טאקטיק, ווײַל א רעוואָליוציאָנערע פראָגראמ קאָנ ניט ווערנ פארווירקלעכט אָנ אנ אײַזערנער, צענטראליזירטער אָרגאניזאציע. די לעניניש־סטאלינישע אָרגאניזאציאָנעלע פרינציפנ פונ דער פארטיי־בויונג האָבנ געפונענ זייער פארקערפערונג אינעמ סטאטוט פונ דער פארטיי, וועלכער באשטימט די אויפאנימ פונ דער פראקטישער טעטיקײַט פונ די פארטיי־אָרגאניזאציעס, די פאָרמ פונ דער סטרוקטור פונ דער פארטיי אונ די קלאָלימ פונ איר אינערלעכנ לעבנ. די אלוועלטלעכ־היסטאָרישע מיסיע פונ אונדזער פארטיי, אלס אָרגאניזאטאָר אונ אָנפירער פונ דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע אונ פונעמ פארווירקלעכנ די דיקטאטור פונעמ ארבעטער־קלאס, האָט באשטימט מיט זיכ אויכ די גרונטיקע אָרגאניזאציאָנעלע פרינציפנ פונ דער בויונג פונ אונדזער פארטיי: שטרענגסטער צענטראליזמ אינ דער טעטיקײַט פונ די פארטיי־אָרגאניזאציעס, אינערלעכע באוווסטזיניקע דיסציפלינ, אײנהײַט פונ ווילנ אונ אײנהײַט פונ טאט, אומדערלאָזבארקײַט פונ פראקציעס אונ גרופירונגענ,

זאַרגזאמער אָפּקלײַב פון די, וואָס טרעטן אַרײַן אין דער פארטיי, דאָס באַשיצן די פארטיי קעגן אָפּאָרטוניסטישע, קלײנבירגערלעכע עלעמענטן, שטענדיקע זאָרג וועגן אופהייבן די אקטיווקײַט פון די פארטיי־מיטגלידער און וועגן אנטוויקלען די אינערלעכ־פארטייִשע דעמאָקראטיע. די דאָזיקע פרינציפּן, וואָס זײַנען פארקערפערט אינעם סטאטוט פון דער פארטיי, בילדן דעם ניט-וואקלבארן פונדאמענט פון דער פארטיי.

די פארטיי האָט שטענדיק געהאלטן דעם סטאטוט פאר אן אײַזנפעסטן יעסאָד פונעם פארטיי־לעבן און פון דער פארטיי־בויונג. זי האָט שטענדיק געקעמפט פאר דער פינקטלעכער אויספילונג פון אלע האנאָכעס פונעם סטאטוט. וויסנדיק די גרויסע מעכטיקײַט, וואָס איז פארלייגט אין די באָלשעוויסטישע אָרגאניזאציאָנעלע פרינציפּן און אין זייער קאָנצענטרירטן אויסדרוק — אינעם סטאטוט פון דער אלקפּ(ב), האָבן די אלערלײַ נאָכשלעפּער פון דער בורזשואזיע און די צווייפענעמדיקע, צודעקנדיק זיך מיטן גרויסן נאָמען פארטיי־מיטגליד, ניט איין מאָל געפּרוווט אונטעררײַסן דעם סטאטוט פון דער פארטיי, ברעכן די איינהײַט פון דער פארטיי, אָפּשוואכן די פארטיי מיטן ציל צוצוגרייטן די רעסטאווראציע פונעם קאפּיטאליזם אין ססר. די פאקטן פון די לעצטע יאָרן האָבן באוויזן, ווי ברייט די נידערטרעכטיקע סאָנים פון פאָלק — די טראָצקיסטיש־בוכארינישע, בורזשואזנאציאָנאליסטישע אגענטן פונעם פאשיזם, די שפּיאָנען, דיווערסאנטן — האָבן באַנוצט דאָס ברעכן דעם פארטיי־סטאטוט צוליב זייערע אונטערײַסערישע צילן. דאָס דאָזיקע ברעכן — דאָס אָפּווײַכן פון די פרינציפּן פון דעמאָקראטישן צענטראליזם, דער אָהולנער אופנעם אין דער פארטיי, דאָס שאפן א כאאָס אין דער פארטיי-ווירטשאפט אאוו. — זײַנען געווען א רעזולטאט פון דער אָפּגעטעמפּטקײַט פון דער באָלשעוויסטישער וואכזאמקײַט און פון פארגעסן די אָרגאניזאציאָנעלע יעסוידעס פון אונדזער פארטיי. אָט פארוואָס דאָס אָפּווײַכן פונעם סטאטוט פון דער פארטיי, דאָס ברעכן די סטאטוט-קלאָלים און געזעצן באטײַט אויווער זײַן אפ לעניג — סטאלינס לערע וועגן דער פארטיי, ברענגט דער פארטיי שאָדן.

די פארטיי פונעם רעוואָליוציאָנערן מארקסיזם באַשטימט די אָרגאניזאציאָנעלע פאָרמען און מעטאָדן פון איר ארבעט אָפּהענגיק פון דער קאָנקרעטער סיטואציע. ארויסגייענדיק פון דעם, האָט די פארטיי באָלשעוויקעס קיינמאָל ניט פארוואנדלט די איין מאָל אײַנגעשטעלטע פאָרמען פון פארטיי־בויונג אין א דאָגמע, אין א טויטער סכעמע. אין די אָרגאניזאציאָנעלע פאָרמען פונעם סטאטוט, פונקט ווי אין דער אנטוויקלונג פון דער מארקסיסטישער טעאָריע, שטייט אונדזער פארטיי אפן באָדן פון שעפערישן מארקסיזם, באַרײַכערנדיק די פאָרמען פונעם אָרגאניזאציאָנעלן סטאטוט מיט דער נײַער דערפארונג, אָפּהענגיק פון די זיך אנטוויקלענדיקע באדינגונגען פון קלאסנקאמף און פון די נײַע פּאָליטישע אופגאבן.

דערלויבט צו דערמאָנען אײַך די פאָלגנדיקע אָנווײַזונגען, וועלכע עס האָט וועגן דעם געגעבן דער X פארטיי־צוזאמענפאָר אין זײַן רעזאָליוציע „וועגן פארטיי-בויונג”:

„1. די פארטיי פונעם רעוואָליוציאָנערן מארקסיזם לייקנט גרינטלעך אָפּ די זוכונגען פון אן אבסאָליוט ריכטיקער פאָרם פון פארטיי־אָרגאניזא־

ציע, דאָסגלײַכן אויך פֿון מעטאָדן פֿון איר אַרבעט, וואָס זאָלן טויגן פֿאַר אַלע שטופֿעס פֿונעם רעוואָליוציאָנערן פּראָצעס. פֿאַרקערט, די פֿאָרם פֿון אָרגאַניזאַציע און די מעטאָדן פֿון אַרבעט ווערן אינגאַנצן באַשטימט דורך די באַזונדערקײַטן פֿון דער געגעבענער קאָנקרעטער היסטאָרישער סיטואַציע און דורך די אויפֿגאַבן, וועלכע דרינגען אַרויס אומיטלבאַר פֿון דער דאָזיקער סיטואַציע.

2. פֿון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט איז פֿאַרשטענדלעך, אַז יעטווידע אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאָרם און די אַרבעטס־מעטאָדן, וואָס אַנטשפּרעכן איר, קאָנען מיט דער ענדערונג פֿון די אָביעקטיווע באַדינגונגען פֿון דער אַנט־וויקלונג פֿון דער רעוואָלוציע פֿאַרוואַנדלט ווערן פֿון פֿאָרמען פֿון אַנטוויקלונג פֿון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין פּענטעס פֿאַר דער דאָזיקער אַנטוויקלונג; און פֿאַרקערט, די אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאָרם, וואָס האָט אויפֿגעהערט צו טויגן, קאָן ווידער ווערן אַ נייטיקע און אַן איינציק צוועק־מעסיקע בײַ דעם אויפֿקום פֿון אַנטשפּרעכיקע אָביעקטיווע באַדינגונגען.

3. די ווידערשפּרוכן צווישן די באַדערפֿענישן פֿון דער נײַער זיך אויס־בילדנדיקער לאַגע, פֿון איין זײַט, און דער אײַנגעשטעלטער פֿאָרם פֿון אָרגאַ־ניזאַציע און די מעטאָדן פֿון איר אַרבעט — פֿון דער אַנדערער זײַט, ווערן אָנגעמערקט אין אַלגעמיינעם פֿריִער, איידער עס ווערט ענדגילטיק זיך לאָזן פֿילן די נייטיקײַט צו ענדערן דעם קורס. דער דאָזיקער קורס דאַרף זיך ענדערן בלויז דאַן, ווען אין אַלגעמיין, אין איקער און אין גרונט, איז אויסגעפֿילט די אויפֿגאַבע, וואָס האָט אַרויסגערופֿט דעם פֿריִערדיקן טיפּ פֿון אָרגאַניזאַציע און דעם אים אַנטשפּרעכיקן אַרבעטס־מעטאָד".

די געשיכטע פֿון אונדזער פּאַרטיי ווײַזט אַ סך בײַשפּילן, ווען עס זײַנען געענדערט געוואָרן די פֿאָרמען און מעטאָדן פֿון אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקײַט. איבערלאָזנדיק אומגעוואַקלט די גרונטיקע, קאַרדינאַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן, פֿלעגט די פּאַרטיי שטענדיק אײַנשטעלן אַזעלכע אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאָר־מען, וועלכע ווירקן מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דעם אינהאַלט פֿון איר אַרבעט, זיכערן די אויספֿילונג פֿון די פּאָליטישע אויפֿגאַבן, זיכערן די איינהײַט פֿון וואָרט און טאַט. אַרויסגייענדיק דערפֿון, האָט די פּאַרטיי ניט איין מאָל געענדערט איר סטאַטוט, דיסקאָנטירנדיק די ענדערונגען אין דער סיטואַציע, די נײַע אויפֿגאַבן און די דערפֿאַרונג פֿון איר אַרבעט. עס איז ניט צופֿעליק, וואָס די גרויסע ענדערונגען און ווענדונגען אינעם פּאָליטישן לעבן פֿונעם לאַנד און די נײַע פּאָליטישע אויפֿגאַבן פֿון אונדזער פּאַרטיי זײַנען באַגלייט געוואָרן מיט ענדערונ־גען אינעם סטאַטוט פֿון דער פּאַרטיי. איך וועל דערמאָנען, אַז די גרונט־ענדע־רונגען פֿונעם סטאַטוט פֿון דער פּאַרטיי באַציִען זיך צום 1922 יאָר — צום פּעריאָד פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, צום 1925 יאָר, ווען אַפֿן XIV צוזאַמענפֿאָר פֿון דער פּאַרטיי האָבן זיך פֿאַר דער פּאַרטיי געשטעלט די אויפֿגאַבן פֿון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזאַציע, צום 1934 יאָר — צום פּעריאָד פֿונעם XVII צוזאַמענפֿאָר פֿון דער פּאַרטיי, ווען די פּאַרטיי איז צוגעטראָטן צו לייזן אירע היסטאָרישע אויפֿגאַבן פֿונעם צווייטן פֿינפֿיאָר.

די פֿראַגן פֿון פּאַרטיי־אַרבעט און פּאַרטיי־בויונג האָבן באַקומען אַ באַזונ־

דערע באַדײַטונג אינ די לעצטע יאָרנ. דער גראַנדיעזער שװוּנג פונ די סאָציאַליסטישע איבערגעשטאַלטונגענ, די הויכע טעמפּנ פונ דער פּאַרטײישער אונ מעכאַנישער בויונג, דאָס אַרײַנציִענ אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג די מיליאָניקע מאַסנ פונעם סאָװעטישנ פאָלק העכערנ די פאָדערונגענ צו דער פּאַרטײ אונ צו איר אָנפירונג.

דאָס העכערנ די באַדײַטונג פונ דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פראַגע באַטײַט העכערנ די ראָליע פונעם אַװאַנגאַרד פונעם אַרבעטער־קלאַס, װאָס אַזאַ איז אונדזער פּאַרטײ.

אפנ XVII צוזאַמענפאָר פונ דער פּאַרטײ זײַנענ די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגנ, די פראַגנ װעגנ אונטערציִענ די אָרגאַרבעט צו די פאָדערונגענ פונ דער פּאָליטישער ליניע געשטעלט געװאָרנ אינעם פאָרטראָג פונעם כאַװער סטאַלינ אונ אינעם פאָרטראָג פונעם כאַװער קאַגאַנאָװיטש, אינ די רעזאָליוציִעס פונעם XVII צוזאַמענפאָר אינ דער גאַנצער ברײט.

נאָכ מער װערט געהעכערט די ראָליע פונעם אַװאַנגאַרד פונעם אַרבעטער־קלאַס, די ראָליע פונעם פאָרגעשריטענעם אָטריאַד פונ די אַרבעטנדיקע, װאָס אַזאַ איז אונדזער פּאַרטײ, אינ די באַדינגונגענ פונעם זיג פונ סאָציאַליזמ, אינ די באַדינגונגענ, װענ פּסםר איז אַרײַנגעטראָטנ אינ א נײַער פּאַזע פונ אַנטװיקלונג — אינ דער פּאַזע פונ פאַרענדיקנ די בויונג פונ דער קלאַסנלאָזער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אונ פונ בעהאַדראָגעדיקנ אַריבערגאַנג פונעמ סאָציאַליזמ צו קאָמוניזמ.

די פאַרגאַנגענע יאָרנ זײַנענ געװענ יאָרנ פונ אומופּהערלעכער באַװאָפנונג פונ דער פּאַרטײ, פונ אָפּשלײַפנ איר אָרגאַניזאַציאָנעל געװער. אויב לעניננ האָט אינ זײַנ מערקװירדיקער אַרבעט „א טראָט פאָרויס, צװײ טריט צוריק" אַנטװיקלט די אָרגאַניזאַציאָנעלע האַנאָכעס, װעלכע זײַנענ דערנאָכ געװאָרנ די אָרגאַניזאַציאָנעלע יעסוידעס פונ דער פּאַרטײ פונעמ נײַעמ טיפּ, פונ דער פּאַרטײ באָלשעװיקעס, האָט דער כאַװער סטאַלינ סײַ אינ געביט פונ טעאָריע, אידעאָלאָגיע אונ טאַקטיק, סײַ אויכ אינ די פראַגנ פונ אױפֿקשטעלנ אונדזער גאַנצע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט אפּ װיסנשאַפטלעכע רעלסנ אַנטװיקלט װײַטער די יעסוידעס פונ דער אָרגאַניזאַציאָנעלער לערע װעגנ דער פּאַרטײ, װעלכע לעניננ האָט געגעבנ, דערגאַנצט די אָרגאַניזאַציאָנעלע לערע װעגנ דער פּאַרטײ מיט נײַע האַנאָכעס, מיט נײַע געזעצנ, א רוק געטאָנ די אָרגאַניזאַציאָנעלע װיסנשאַפט פונ באָלשעװיזמ פאָרויס אונ דערמיט גופע באַװאָפנט די פּאַרטײ אונ דעמ אַרבעטער־קלאַס צו פאַרװירקלעכנ די אַלװעלטלעכ־היסטאָרישע אױפגאַבנ פונ אויסבויענ דעמ סאָציאַליזמ אינ אונדזער לאַנד. (א פּ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ.)

דאָ װיל איכ בלויז אונטערשטרײַכנ, װאָס פאַר א קאָלאָסאַלע באַדײַטונג עס האָט געהאַט דער פּעריאָד פונעמ XVII ביזנ XVIII צוזאַמענפאָר פונ דער פּאַרטײ פונעמ שטאַנדפּונקט פונ דער באַרײַכערונג פונ איר אָרגאַניזאַציאָנעלער דערפאַרונג.

דער כאַװער סטאַלינ האָט געגעבנ דער פּאַרטײ גלענצנדיקע מוסטערנ פונ שעפערישנ מאַרקסיזמ אינ די פראַגנ פונ דער אָרגאַניזאַציאָנעלער בויונג פונ דער פּאַרטײ. איכ האָב אינ זינענ די לערע װעגנ דער פאַרהעלטעניש צװישנ דער פּאָליטישער ליניע אונ דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט; װעגנ װיסנשאַפטלעכנ

אָרגאניזירנ דאָס צוקלייבנ, דערציִען, ארויסרוקנ און פארטיילנ* די קאדרען; וועגנ באָלשעוויסטישנ אָרגאניזירנ די קאָנטראָלירונג פונ דער אויספילונג; וועגנ די מיטלען פונעמ קאמפ פונ דער פּאַרטיי קעגנ די סאָנימ, וואָס דרינגען אריינ אינ אירע רייענ, פונ דעמ קאמפ פונ דער פּאַרטיי פאר אָפריייניקנ די רייענ אירע פונ איבערגעבוירענע און צווייפּענעמדיקע; וועגנ וואכזאמקייט, וועגנ באהערשנ דעמ באָלשעוויזמ.

אינ די אלע פראגנ האָט דער כאווער סטאלינ באוואָפּנט די פּאַרטיי מיט קלוג־שאפטלעכע און ווייטזיכטיקע אָנווייזונגענ, וועלכע שטעלנ מיט זיכ פאָר א ביז גאָר רייכנ בייטראָג אינ דעמ אויצער פונ דער באָלשעוויסטישער טעאָריע פונ אָרגאניזאציע און זיינענ א ריכט־ליניע צו טאט.

פארוואָס זיינענ נייטיק ענדערונגענ אינעמ סטאטוט פונ דער אלקפּ(ב)? דער XVIII פּאַרטיי־צוזאמענפאָר איז זיכ צונויפגעקומענ אינ די באדינגונגענ, ווענ אינ דער עקאָנאָמיק און אינ דער קלאסנ־סטרוקטור פונ פססר זיינענ פאָרגעקומענ ראדיקאלע ענדערונגענ.

איכ דארפ זיכ ניט אָפּשטעלנ אויספירלעכ אפ די דאָזיקע פראגנ, אפ וויפל זיי זיינענ מיט אויסשעפּנדיקער קלאָרקייט און פולקייט באלויכטנ געוואָרנ אינ די פאָרטראָגנ פונעמ כאווער סטאלינ און כאווער מאָלאָטאָוו.

דער זיג פונעמ סאָציִאליזמ אינ פססר האָט געזיכערט די הערשאפט פונ דער סאָציִאליסטישער עקאָנאָמיק. אינ העסקעמ מיט די ראדיקאלע ענדערונגענ אינ געביט פונ דער עקאָנאָמיק האָט זיכ געענדערט דער קלאסנ־באשטאנד פונעמ פארבאנד ססר. אינ די יאָרנ פונ דער סאָציִאליסטישער בויונג זיינענ ליקווידירט געוואָרנ אלע עקספּלואטאטאָרישע עלעמענטנ — די קאפּיטאליסטנ, סאָכרימ, באלע־גופימ, ספּעקוליאנטנ. די ארבעטנדיקע פונ פססר — די ארבעטער, פויערימ, אינ־טעליגענצ — האָבנ זיכ טיפ געענדערט אינ די יאָרנ פונ דער סאָציִאליסטישער בויונג.

די קלאסנ־גרענעצנ צווישנ די ארבעטנדיקע פונ פססר ווערנ אָפּגעווישט, זיי פאלנ — עס ווערנ אָפּגעווישט די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע ווידערשפּרוכנ צווישנ די ארבעטער, פויערימ און אינטעליגענצ. טאקע אפ דער דאָזיקער באזע איז אויסגעוואקסנ די מאָראליש־פּאָליטישע אייניקייט פונ דער סאָוועטישער געזעל־שאפט. די דאָזיקע מאָראליש־פּאָליטישע אייניקייט פונ דער סאָוועטישער געזעל־שאפט האָט באקומענ איר גלענצנדיקע באשטעטיקונג אינעמ שאפנ און אינעמ פולנ זיג פונעמ בלאָק פונ די קאָמוניסטנ און די אומפּארטייִשע בא די וואלנ אינ אויבער־ראט פונ פססר און אינ די אויבער־ראטנ פונ די פארבאנדישע רעפּובליקנ.

ארומ דער פּאַרטיי זיינענ אויסגעוואקסנ צאָלרייכע קאדרענ ניט־פּאַרטייִשע באָלשעוויקעס פונ די פאָרגעשריטענע ארבעטער, פויערימ און אינטעליגענצ, אקטיווע און באוווסטזיניקע קעמפער פאר דער זאכ פונ דער פּאַרטיי, דורכ־פירער פונ איר ליניע אינ די מאסנ.

אינ צוזאמענהאנג מיט די דאָזיקע ראדיקאלע ענדערונגענ אינ דער עקאָנאָ־מיק און אינ דער קלאסנ־סטרוקטור פונ פססר איז רייפ געוואָרנ די נייטיקייט צו ענדערנ די פאָרויסגעזעענע דורכנ סטאטוט פונ דער אלקפּ(ב) באדינגונגענ פונ אופנעמענ אינ דער פּאַרטיי נייע מיטגלידער.

וועגן אָפּשאַפן די קאַטעגאָריעס באַם אופנעמען
אין דער פּאַרטיי

די איצט גילטיקע, אין העסקעם מיטן סטאַטוט פון דער פּאַרטיי, אָרדענונג פון אופנעמען אין דער פּאַרטיי נײַע מיטגלידער לויט פיר פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס, אָפּהענגיק פון דער סאָציאַלער לאַגע פון דעם, וואָס ווערט אָנגענומען אין דער פּאַרטיי, אנטשפּרעכט בעפּיירעש ניט דער אין רעזולטאַט פונעם זיג פונעם סאָציאַליזם אין פּססר געענדערטער קלאַסן־סטרוקטור פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט. די נייטיקײַט אײַנצושטעלן פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס באַם אופנעמען אין דער פּאַרטיי און א פאַרשיידענעם קאַנדידאַטן־סטאַזש פאַלט אָפּ.

די פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס באַם אופנעמען, אָפּהענגיק פון דער סאָציאַלער לאַגע פון דעם, וואָס ווערט אָנגענומען אין דער פּאַרטיי, זײַנען, ווי באַוווּסט, אײַנגעשטעלט געוואָרן אַפן XI צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי אין יאָר 1922, אין אָנהייב פונעם נעפּ, מיטן ציל צו פאַרשווערן דעם צוטריט אין אונדזער פּאַרטיי פאַר די ניט־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן. די סיטואַציע האָט זיך דאַן גרינטלעך אונטערשיידט פון דער איצטיקער סיטואַציע. דאַן איז דער פּראָלעטאַריאַט געווען טיילווײַז דעקלאַסירט. דאָס פּויערטום איז געווען אַן אינדיווידועלס. די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן זײַנען נאָך ניט געווען פולשטענדיק ליקווידירט. דער נעפּ האָט געהאַט א דעמאָראַליזירנדיקע ווירקונג אַף א טייל מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, באַזונדערס אַף אירע ניט־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן. אין יענע באַדינגונגען, איז קעדיי די פּאַרטיי זאָל מיט דערפאָלג קאָנען פאַרווירקלעכן איר אַוואַנגאַרד־ראָליע, נייטיק געווען אַזאַ באַריער קעגן דער אַרײַנדרינגונג פון ניט־שטאַנדהאַפטיקע, קליינבירגערלעכע עלעמענטן אין דער פּאַרטיי, ווי דאָס אײַנשטעלן פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס באַם אופנעם. ער האָט געשפּילט אַן אויסשליסלעכע ראָליע אין פּערספּעקטיקן די פּאַרטיי און אין דעם, אַז זי זאָל אויספּילן איר היסטאָרישע מיסיע.

אָבער אין רעזולטאַט פונעם זיג פונעם סאָציאַליזם אין אונדזער לאַנד איז די נייטיקײַט אין די דאָזיקע באַגרענעצונגען אָפּגעפאַלן. זיי — די דאָזיקע באַגרענעצונגען — שטערן שוין און טאָרמאָזירן דאָס קאָמפּלעקטירן די רייען פון דער פּאַרטיי אַפן כעזשבן פון די איבערגעגעבענע דער זאַך פונעם אַרבעטער־קלאַס פאָרגעשריטענע אַרבעטער, פּויערים, אינטעליגענטן. די פּאַרטיי קאָן שוין ניט פאַרבלײַבן אין די אַלטע ראַמען, בײַ די אַלטע נאָרמעס. די נייטיקײַט אין דער עקזיסטענץ פון פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס באַם אופנעמען פאַלט אָפּ.

צו וואָס פאַר א פּראַקטישע לעפישקײַטן און אומגעלומפּערטקײַטן עס ברענגט די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג פון אופנעמען אין דער פּאַרטיי, קאָנען אילוסטרירן די צאָלרײַכע בײַשפּילן, וואָס זײַנען פאַראַן אין א באַליביקער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

די בעסטע סטאַכאַנאָווצעס, וואָס זײַנען געוואָרן מײַסטערס אָדער דירעקטאָרן, דה. וואָס האָבן זיך מאַכמעס זייערע טאַלאַנטן און פאַרדינסטן אַרויסגערוקט אַף אָנפירנדיקע פּאָסטנס, פאַלן אַרײַן באַם אופנעמען אין דער פּאַרטיי אין דער לאַגע פון מענטשן פון צווייטן סאָרט.

אנ ארבעטער אָדער א זונ פונ אנ ארבעטער, וואָס האָט באקומענ בילדונג, פאלט אריַינ אינ דער פערטער קאטעגאָריע באמ אופנעמענ אינ דער פארטיי.

אָט איז, צומ בייַשפיל, איינער פונ די בעסטע סטאכאנאָווצעס פונ לענינגראד דער כאוו. סמעטאנינ, איצט שטעלפארטרעטער פונעמ פאָלקס־קאָמיסאר פונ דער לייַכטער אינדוסטריע פונ פססר, א געוועזענער ארבעטער א קאמאשנ־מאכער אינ דער פאבריק „סקאָראָכאָד". אלס בעסטער סטאכאנאָוועצ איז ער ארויסגערוקט געוואָרנ פאר א נאטשאלניק פונ א צעכ. מע האָט אימ אָנגענומענ פאר א קאנדידאט אינ דער פארטיי, אלס נאטשאלניק פונ א צעכ, לויט דער צווייטער קאטעגאָריע. דערנאָכ איז ער מאכמעס זייַנע פארדינסטנ אונ פייִקייַטנ ארויסגערוקט געוואָרנ פאר א דירעקטאָר פונ דער פאבריק, אונ ווענ אינ פעווראל כוידעש 1939 יאָר האָט זיכ געשטעלט די פראגע וועגנ אריבערפירנ אימ פונ א קאנדידאט פאר א מיטגליד פונ דער פאוטיי, איז אימ אויסגעקומענ אריַינצוטרעטנ אינ דער פארטיי שוינ לויט דער פערטער קאטעגאָריע.

א מענטש גייט פאָרויס, וואקסט, אונ די באדינגונגענ פונ אָנעמענ אימ אינ דער פארטיי ווערנ קאָמפליצירטער אונ שווערער. פאר אזעלכע כאווייריִמ, ווי סמעטאנינ, אונ פאר אלע, וואָס פאלנ אויַינ אינ אזא לאגע, איז ניט פארשטענדלעכ, פארוואָס די באדינגונגענ פונ אופנעמענ זיי אינ דער פארטיי דארפנ, ווענ זיי רוקנ זיכ ארויס, פארערגערט ווערנ. דער כאוו. סמעטאנינ האָט פראָטעסטירט אונ איז געווענ פולקומ גערעכט: „מיט וואָס בינ איכ ערגער געוואָרנ, — האָט ער געפרעגט, — ווענ פונ אנ ארבעטער האָב איכ זיכ ארויסגערוקט פאר א נאטשאלניק פונ א צעכ? מיט וואָס בינ איכ ערגער געוואָרנ, ווענ מע האָט מיכ געמאכט פאר א דירעקטאָר פונ א פאבריק? פארוואָס דארפ איכ זוכנ א גרעסערע צאָל „רעקאָמענדירער", מיט א גרעסערנ פארטיי־סטאזש, איידער פריִער, ווענ איכ בינ געווענ א געוויינלעכער ארבעטער?"

אָדער נעמענ מיר דעמ כאוו. קארטאשאָוו, וועלכער איז דאָ ארויסגעטראָטנ מיט א באגריסונג דעמ צוזאמענפאָר אלס פאָרשטייער פונ לענינגראד. דוכט זיכ, ניט קיינ שלעכטער טוער אונ איז ניט שלעכט ארויסגעטראָטנ. ער האָט זיכ ארויסגערוקט אלס אומפארטייִשער אגיטאטאָר בא די וואלנ אינ אויבער-ראט פונעמ פארבאנד ססר. לויט דער פראָפעסיע איז דער כאוו. קארטאשאָוו א שלאָסער, געווענ א סטאכאנאָוועצ, אונ איצט איז ער ארויסגערוקט געוואָרנ לויט דער ליניע פונ דער אָרגאניזאציע פונ די אינזשעניער־טעכנישע טוער. ווענ עס האָט זיכ געשטעלט די פראגע וועגנ אָנעמענ אימ אינ דער פארטיי, איז ער שוינ אריַינגענומענ געוואָרנ לויט דער צווייטער קאטעגאָריע. וואָס פאר א זינ שטעקט אינ דעמ? עס באקומט זיכ, אז די פארטיי דארפ מענ „אָפּצוימענ" פונ די קארטאשאָווס.

נאָכ א בייַשפיל, וואָס איז געבראכט געוואָרנ אפ דער קאָנפערענצ פונ סטאלינער ראיאָנ, סטאלינגראדער געגנט, ווענ דער ארבעטער דער אוואנגארדיסט כאוו. מוסינ, זייַענדיק ארויסגערוקט אפ אָנפירנדיקער ארבעט, איז אוועק צוריק אפ ארבעט אינ צעכ, קעדיי צו אָנגענומענ ווערנ לויט דער ערשטער קאטעגאָריע.

אזעלכע בייַשפילנ קאָנ מענ ברענגענ טויזנטער. זיי רופנ ארויס א געזעצלעכנ געפיל פונ פארווונדערונג אונ אוולע בא די כאווייריִמ, וועמעס איינציקע

„שולד" באַשטייט דערין, וואָס זיי זײַנען אוועק באַרג־אַראָפּ. דאָס אַלץ באַווײַזט, אַז די עקזיסטירנדיקע נאָרמעס פון אופנעמען זײַנען פאַרעלטערט און האָבן גענומען שפּילן די ראָליע פון אַ טאָרמאָז באַם אופנעמען אין דער פּאַרטיי די ווירקלעכע פאָרגעשריטענע אַרבעטער, פּויערים, אינטעליגענטן.

איר ווייסט, צו וואָס עס האָט געבראַכט די פּראַקטיק פון אופנעמען לויט פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס, ווען מע האָט געבראָכן דעם קאָפּ, קעדיי צו באַשטימען, צו וועלכער קאַטעגאָריע פאַררעכענען אַ מאָנטיאָר, אַ מײַסטער אאַז״וו. מע האָט געשאַפן גאַנצע „טאַריף־ספּראַוואָטשניקעס" איבער דער פראַגע וועגן פאַררעכענען פאַרשיידענע פּראָפעסיעס צו דער אָדער יענער קאַטעגאָריע. אָבער ווי מע זאָל זיך דאָ ניט קלייגן, וואָס פאַר אַ „ספּראַוואָטשניק" מע זאָל ניט אויסטראַכטן, איז קלאָר איינס, אַז די נאָרמעס זײַנען פאַרעלטערט, אַז זיי האָבן אופגעהערט דינען דער זאַך, צוליב וועלכער זיי זײַנען געשאַפן געוואָרן. די דאָזיקע סטאַטוט־נאָרמעס זײַנען געוואָרן אַן אויסגעלעבטע פאָרם, אויסדריקנדיק זיך אָפּ דער שפּראַך פון די מעטאַלורגן — אַן אויסגעקלאַפּטע אָפּאָקע. (געלעכטער.)

אָן די פאַרעלטערטע נאָרמעס קלאַמערן זיך די אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן, וועלכע ווילן ניט, עס זאָלן אַרויסגערוקט ווערן נײַע, יונגע קריכעס.

די פאַרעלטערטע נאָרמעס דינען אַלס אויסרייד צו קולטיווירן אָפּגעשטאַנענע, אין טאָך אַנטימאַרקסיסטישע, אַנטילענינישע טענדענצן בענעגייע דער נײַער, סאָוועטישער אינטעליגענץ, בענעגייע די פאָרגעשריטענע מענטשן פונעם אַרבעטער־קלאַס און פּויערטום, צו קולטיווירן אַ ביטל־באַציִונג בענעגייע די פאָרגעשריטענע מענטשן, וועלכע זײַנען מאַכמעס זייער בילדונג אָדער פאַרדינסטן אַרויסגערוקט געוואָרן אָפּ פאָדערשטע פּאָסטנס.

דאָס אַלץ רעדט וועגן דעם, אַז די פאָרם, וואָס איז צוריק מיט אַ צײַט נײַטיק געווען, האָט זיך אויסגעלעבט, איז געוואָרן אַ פאָרם אָן אינהאַלט. אַ מאָל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איר אייגענעם קעגנזאַץ, אין אַ כיסאָרן. די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם דאַרף אַנטשפּרעכן דעם אינהאַלט, און דער אינהאַלט וועט באַ אונדז גייען לויט דער ליניע פון דער דערנענטערונג פון די קלאַסן און פון דער ליקווידירונג פון די קלאַסן־אונטערשיידן.

די טעזיסן, וואָס זײַנען אַרײַנגעטראָגן געוואָרן צום באַהאַנדלען אָפּן צוזאַמענפאָר, לייגן דעריבער פאָר ענדערן די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג פון אופנעמען אין דער פּאַרטיי לויט פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס און אײַנשטעלן אייניהײַטלעכע אופנעם־באַדינגונגען און אַן אַלצײַנעם קאַנדידאַטן־סטאַזש, אומאָפּהענגיק פון דער אָנגעהעריקײַט צום אַרבעטער־קלאַס, פּויערטום אָדער אינטעליגענץ.

די ענדערונגען פון די באַדינגונגען פון אופנעמען אין דער פּאַרטיי, וואָס די טעזיסן לייגן פאָר, זײַנען אַ דירעקטער רעזולטאַט פונעם זיג פון סאָציאַליזם.

די טעזיסן זעען פאָר דאָס אײַנשטעלן פאַר די, וואָס טרעטן אַרײַן אין דער פּאַרטיי, אַ יאָריקן קאַנדידאַטן־סטאַזש. אַזאַ סטאַזש איז פולקום גענוג, אַז דער קאַנדידאַט זאָל פאַר דעם דאָזיקן טערמין זיך קאָנען גרינטלעך באַקענען מיטן סטאַטוט, מיט דער פּראָגראַם און טאַקטיק פון דער פּאַרטיי און אַז די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע זאָל קאָנען דורכקאָנטראָלירן די פּערזענלעכע אייגנשאַפטן פונעם קאַנדידאַט.

מע טאָר ניט פארגעסנ, אז איצט גייענ אינ אונדזער פארטיי מענטשנ פאָר-געשריטענע, דורכגעקאָנטראָלירטע אפ פארשיידענע באצירקנ פונעמ קאמפ פאר סאָציאַליזמ.

ווי איר ווייסט, איז דער אופנעמ אינ דער פארטיי זיינערצייט געווענ אָפּ-געשטעלט. ער איז באנייט געוואָרנ בלויז צומ ערשטנ נאָיאבער 1936 יאָר. דער אקטיוו, וואָס איז אויסגעוואקסנ ארומ דער פארטיי פאר דער צייט, ווענ עס איז ניט געווענ קיינ אופנעמ אינ דער פארטיי, שטעלט גראָד מיט זיכ פאָר דעמ גרונט-קוואַל, פונ וועלכנ עס גייט איצט דער צופלוס פונ נייע פארטיי-מיטגלידער.

די איצט עקזיסטירנדיקע פראקטיק פונ דורכגיינ א קאנדידאטנ-סטאזש ליידט אפ זייער פיל גרויסע כעסרוינעס. דער סאמע גרעסטער כיסאָרנ איז די אבסאָליוט ניט-צופרידנשטעליקע ארבעט מיט די קאנדידאטנ אינ פיל פארטיי-אָרגאניזאציעס, וואָס ברענגט דערצו, אז עס שאפנ זיכ אזויגערופענע „אייביקע" קאנדידאטנ, וועלכע גייענ אומ אלס קאנדידאטנ צו 6—7—8 אינ מער יאָר. (אנ אופלעבונג אינ זאל, געלעכטער.) אָנשטאָט דעמ, אז דער קאדר קאנדידאטנ זאָל זיינ א לעבעדיקער רעזערוו, פונ וועלכנ די פארטיי זאָל שעפנ טעגלעכ פרישע קאָנטינגענטנ, איז ער אינ א ריי אָרגאניזאציעס פארוואנדלט געוואָרנ אינ א מינ „אומבארירלעכנ פאָנד".

די לעצטע צייט, פארנ צוזאמענפאָר, האָבנ די פארטיי-אָרגאניזאציעס עטוואָס פארבעסערט די ארבעט פונ אריבערפירנ פונ קאנדידאטנ פאר פארטיי-מיטגלידער. אָבער נאָכ אויכ איצט איז פאראנ ניט קיינ קליינע צאָל קאנדידאטנ מיט א פיליאָריקנ קאנדידאטנ-סטאזש. אונ אויב מע זאָל נעמענ אינ אכט, אז אויכ אינ די גרופּעס מיטפילנדיקע זיצנ מענטשנ אָנ באוועגונג יאָרנווייז, ווארטנדיק ביז מע וועט זיי אופנעמענ פאר קאנדידאטנ, פרעגט זיכ דאנ: ווענ זשע וועלנ זיי אָנגענומענ ווערנ אינ דער פארטיי? א יאָר פיר אלס מיטפילנדיקע, א יאָר 7—8 אלס קאנדידאטנ,— ווענ זשע קאָנענ זיי ווערנ פארטיי-מיטגלידער? (אלגעמיינע אופלעבונג אינ זאל.) עס איז ניט נייטיק צו דערווייזנ, אז אזא שעדלעכע פראקטיק שטאמט פונ דער פארורטיילטער דורכ דער פארטיי פאָרמעל-ביוראָקראַטישער באציונג צו טוער, צו פארטיי-מיטגלידער.

דאָס איינשטעלנ א קאנדידאטנ-סטאזש מיט א טערמינ פונ איינ יאָר האָט דעמ ציל צו ליקווידירנ די דאָזיקע שעדלעכע פראקטיק אונ צווינגענ די פארטיי-אָרגאניזאציעס אונטערצוציענ זיכ, צו אופהייבנ די דערציערישע אונ אָרגאניזאציאָנעלע ארבעט צווישנ די קאנדידאטנ, מאכנ דאָס דורכגיינ דעמ קאנדידאטנ-סטאזש פאר ניט קיינ פאָרמעלער זאכ.

לויט די טעזיסנ, זיינענ אלע, וואָס טועטנ ארייננ אינ דער פארטיי, מעכויעוו צושטעלנ רעקאָמענדאציעס פונ דריי פארטיי-מיטגלידער מיט א דרייאָריקנ פארטיי-סטאזש, וועלכע קענענ זיי לויט געמיינזאמער ארבעט ניט ווייניקער פונ איינ יאָר.

דער דאָזיקער פאָרשלאָג דרינגט ארויס פונ כאווער לענינס אָנווייזונג, וואָס ער האָט געגעבנ אינ א צעטעלע צומ כאווער מאָלאָטאָוו דעמ 15 סענטיאבער 1921 יאָר, ווענ דער כאווער לענינ האָט פאָרגעלייגט:

„רעקאָמענדאציעס ווערט דערלויבט צו געבנ בלויז די, ווער עס האָט ניט ווייניקער פונ א יאָר פערזענלעכ באאָבאכטעט די ארבעט פונ דעמ, וואָס

ווערט רעקאָמענדירט, ארבעטנדיק מיט אים צוזאמען אין דער אָדער יענער פּארטיי־אָרגאניזאציע".

אזא פאָרשלאָג פארשטארקט די פאראנטוואָרטלעכקייט פון די רעקאָמענדירער פאר די, וואָס ווערן רעקאָמענדירט.

וואָס איז שייַעך דער צאָל רעקאָמענדירער און זייער פּארטיי־סטאַזש, גייט ארויס די פאָרמולירונג, וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרן אין די טעזיסן, פון דעם, אז מע זאָל געבן די מעגלעכקייט די פּארטיי־מיטגלידער, וואָס זיינען ארייַנגע־טראָטן אין דער פּארטיי די לעצטע יאָרן, צו געבן רעקאָמענדאציעס. דער דאָ־זיקער פאָרשלאָג איז, אָן ספק, א רעכטצייטיקער און צוועקמעסיקער.

אין דער פּארטיי זיינען צוגעקומען אקטיווע פאָרגעשריטענע מענטשן, וועלכע האָבן דורכגעמאכט א גרויסע שול פון פּאָליטישער דערציִונג. אָפּנעמען בא די דאָ־זיקע נייַע פּארטיי־מיטגלידער דאָס רעכט צו געבן רעקאָמענדאציעס וואָלט געווען ניט ריכטיק.

כאווײרים, די עקזיסטירנדיקע סיסטעם פון געבן רעקאָמענדאציעס לויט פאר־שיידענע קאטעגאָריעס פלעגט שאפן, ווי באוווסט, איבעריקע שוועריקייטן און אומגעהייערע שטערונגען.

אייַך איז באוווסט, אז געפינען רעקאָמענדאציעס איז ניט קיין לייַכטע זאך, באזונדערס פאר די כאווײרים, וואָס טרעטן אריַין אין דער פּארטיי לויט דער פערטער קאטעגאָריע. אן אנדערשמאָל איז א מענטש געצוווּנגען ארויסשלאָגן זיך פון די קויכעס, קעדיי געפינען די גענוגנדיקע צאָל רעקאָמענדאציעס. (אופ־לעבונג אין זאל.)

די נייַע אָרדענונג פון געבן רעקאָמענדאציעס, וועלכע ווערט פאָרגעלייגט דורך די טעזיסן, וועט געבן די מעגלעכקייט אראָפּצונעמען די דאָזיקע באשרענ־קענדיקע און ניט־נייטיקע שטערונגען.

די נייַע באדינגונגען פון אופנעמען אין דער פּארטיי זענען פאָר, אז די ראַי־קאָמען און די שטאָטקאָמען אין די שטעט, ווו עס איז ניטאָ קיין ראַיאָנען טיילונג, זיינען די לעצטע אינסטאנצן, וועלכע באשטעטיקט דעם באשלוס פון דער ערשטי־קער פּארטיי־אָרגאניזאציע וועגן אופנעמען אין דער פּארטיי. דאָס לייגט ארויף אָף אונדזערע ראַיקאָמען און שטאָטקאָמען א באזונדערע פאראנטוואָרטלעכקייט פארן אופנעמען, פארן אָפּקלייַבן אין דער פּארטיי די ווירקלעך בעסטע מענטשן פונעם ארבעטער־קלאס, פונעם קאָלווירטישן פויערטום און פון דער אינטעליגענץ.

די נייַע אָרדענונג פארלייַכטערט דעם אָפּקלייַב פון בעסטע מענטשן אין דער פּארטיי, פארלייַכטערט דאָס שאפן פולבלוטיקע פּארטיי־אָרגאניזאציעס, ביפראט אין דאָרף, ווו די נעץ פּארטיי־אָרגאניזאציעס איז באזונדערס א ניט־גענוגנדיקע. אין א באדייַטנדיקן טייל קאָלווירטן האָבן מיר ניט קיין ערשטיקע פּארטיי־אָרגאני־זאציעס. דאָס שאפן פעסטע פּארטיי־אָרגאניזאציעס אין דאָרף וועט האָבן א גרויסע באדייַטונג פאר דער פארפעסטיקונג פון דער פּארטיי־ארבעט אין די קאָלווירטן און ראטווירטן.

וועגן די רעכט פון די פּאַרטיי-מיטגלידער

דער ווײַטערדיקער פֿאָרשלאָג בנוגע די ענדערונגען אינעם סטאַטוט באַשטייט אין דערגאַנצן דעם סטאַטוט-רעגלאַמענט וועגן די פּאַרטיי-מיטגלידער און זייערע פֿליכטן מיט א רעגלאַמענט וועגן די רעכט פון די פּאַרטיי-מיטגלידער, מיט די רעכט, וועלכע רעכענען זיך פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעכע, אָבער זײַנען ניט פאַר-צייכנט אינעם סטאַטוט.

די טעזיסן זעען פֿאָר, אַז אינעם סטאַטוט דאַרפֿן זײַן פאַרפיקסירט פֿאָלגנדיקע רעכט פון די פּאַרטיי-מיטגלידער:

א) דאָס רעכט פון די פּאַרטיי-מיטגלידער צו קריטיקירן אַפּ די פּאַרטיי-פאַרזאַמלונגען יעטווידן פּאַרטיי-טוער;

ב) דאָס רעכט פון די פּאַרטיי-מיטגלידער אויסצוווײַלן און אויסגעווײַלט צו ווערן אין די פּאַרטיי-אָרגאַנען;

ג) דאָס רעכט פון די פּאַרטיי-מיטגלידער צו פֿאָדערן פּערזענלעכן אָנטייל אין אַלע פאַלן, ווען עס ווערט אָנגענומען א באַשלוס וועגן זייער טעטיקייט אָדער אויפֿירונג;

ד) דאָס רעכט פון די פּאַרטיי-מיטגלידער צו ווענדן זיך מיט יעטווידער פראַגע און מעלדונג אין יעטווידער פּאַרטיי-אינסטאַנץ ביזן צק פון דער אַלקפּ(ב) אײַנגעשלאָסן.

דאָס אַרײַנטראָגן אינעם סטאַטוט די דאָזיקע דערגאַנצונגען וועגן די רעכט פון די פּאַרטיי-מיטגלידער וועט האָבן א קאָלאָסאַלע באַדײַטונג פאַר דעם ווײַטערדיקן אופשטײַג פון דער אַקטיווקײַט פון די פּאַרטיי-מיטגלידער, פאַרן העכערן די פאַראַנט-וואָרטלעכקײַט פון די פּאַרטיי-מיטגלידער פאַר דער זאַך פון דער פּאַרטיי, פאַרן באַשיצן די פּאַרטיי-מיטגלידער פון אַנטפּלעקונגען פון ביוראָקראַטיזם.

די דערפאַרונג באַווײַזט, אַז אין דער פּראַקטיק פלעגן די רעכט פון די פּאַרטיי-מיטגלידער אָפט געבראָכן ווערן. ניט זעלטן טרעפֿן פאַלן פון פאַרפֿאָל-גונגען און רעדיפּעס מיצאַד ביוראָקראַטישע און פײַנטלעכע עלעמענטן פאַר קריטיק און זעלבסטקריטיק. ניט זעלטן טרעפֿן פאַלן, אַז א באַשלוס, וואָס איז שײַך צו דער טעטיקײַט אָדער דער אויפֿירונג פון דעם אָדער אַנדערן פּאַרטיי-מיטגליד, ווערט אָנגענומען אין זײַן אָפּוועזנהײַט.

עס זײַנען באַוווּסט ניט ווייניק פאַקטן, ווען פײַנטלעכע און ביוראָקראַטישע עלעמענטן האָבן פאַרבאָטן פּאַרטיי-מיטגלידער צו ווענדן זיך מיט דער אָדער אַנ-דערער מעלדונג אין די פּאַרטיי-אינסטאַנצן. די פײַנטלעכע עלעמענטן האָבן ברייט קולטיווירט די פּראַקטיק פון קעגנשטעלן די אַמט-דיסציפּלין, אַלס די העכסטע, קעגן דער פּאַרטיי-דיסציפּלין, דעמאָראַליזירנדיק דערמיט גופא ערלעכע טוער.

די טעזיסן גייען אַרויס פון דעם, אַז עס איז ניטאָ קיין מער העכערע דיס-ציפּלין, ווי די פּאַרטיי-דיסציפּלין.

עס זײַנען געווען אויך פאַקטן פון פאַרקלענערן די רעכט פון פּאַרטיי-מיטגלי-דער בנוגע דער מעגלעכקײַט אויסצוווײַלן און צו ווערן אויסגעווײַלט.

איר אַלע געדענקט די דערקלערונג פונעם צק ערעוו די וואַלן פון די פּאַרטיי-אָרגאַנען פאַראַיאָרן, וואָס האָט אויסגעבעסערט די ניט-ריכטיקע פּראַקטיק, ווען כאַווײַרים, וואָס זײַנען שוין אַריבערגעפירט געוואָרן פאַר פּאַרטיי-מיטגלידער פון

קאנדידאטנ, נאָר וואָס האָבנ נאָכ ניט באקומענ די פּארטיי־בילעטנ, זײַנענ ניט דערלאָזט געוואָרנ צו באטייליקנ זיכ אינ די וואלנ פונ די פּארטאָרגאנענ.

קעדיי צו אילוסטרירנ מיט פאקטנ דאָס ברעכנ די רעכט פונ די פּארטיי־מיטגלידער, וואָס קומט פאָר אינ דער פּראקטיק, וועל איכ זיכ אָפּשטעלנ אפּ אייניקע בײַשפּילנ.

כאוו. סעדענק וו—א מיטגליד פונ דער אלקפּ(ב) פונ 1924 יאָר, אנ ארבעטער פונעמ זאוואָד „באריקאדי" אינ סטאלינגראד, מיט אנ 28־יאָריקנ פּראָדוציר־סטאזש. ער האָט ניט איינ מאָל אָנגעוויזנ אפּ כעסרוינעס אינ דער ארבעט אינ צעכ, אָבער די אָנפירונג פונעמ צעכ און די געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס האָבנ זיכ ניט צוגעהערט צו זײַנ שטימ. דאנ האָט כאוו. סעדענקאָוו באשלאָסנ אָנשרײַבנ א מעלדונג אינ צק, אינ וועלכער ער האָט באשריבנ אייניקע כעסרוינעס אינ דער ארבעט פונעמ צעכ. די דאָזיקע מעלדונג האָט ער איבערגעגעבנ דעמ סעקרעטאר פונ דער צעכאָווער פּארטאָרגאניזאציע אפּ אָפּשיקנ אינ צק פונ דער אלקפּ(ב). איז אָנשטאָט אויסצופילנ די פאָדערונג פונ דעמ פּארטיי־מיטגליד און אָפּשיקנ דעמ בריוו לויטנ אדרעס, האָט די ביוראָ פונעמ צעכאָוונ קאָמערל גענומענ באהאנדלענ דעמ כאוו. סעדענקאָווס „כעט" און האָט אימ געצווונגענ צו אָנערקענענ פאר א פעלער דאָס אָנשרײַבנ די מעלדונג אינ צק און געבנ א צוזאָג, אז אפּ ווײַטער וועט ער אזעלכע „פעלערנ" ניט דערלאָזנ. דער בריוו איז טאקע ניט אָפּגעשיקט געוואָרנ אינ צק. באמ דורכקאָנטראָלירנ די פּארטיי־דאָקומענטנ האָט מענ וועגנ דעמ דאָזיקנ בריוו כאוו. סעדענקאָווס זיכ דערמאָנט, און די זאוואָדישע פּארטיי־אָרגאניזאציע האָט אויסגעשלאָסנ דעמ כאוו. סעדענקאָוו פונ דער פּארטיי פאר „ניט־שטאנדהאפטיקײַט". (אופלעבונג אינ זאל.)

דעמ 9 יאנואר 1936 יאָר האָט דער סטאלינגראדער געגנטקאָמ באשטעטיקט דאָס אויסשליסנ דעמ כאוו. סעדענקאָוו פונ דער פּארטיי. די אָרטיקע פּארטיי־אָרגאניזאציעס האָבנ אפּ אזויפיל אָנגעשראָקנ דעמ כאוו. סעדענקאָוו, אז ער האָט, אפּעלירנדיק אינ 1937 יאָר אינ דער קאָמיסיע פונ פּארטיי־קאָנטראָל, אינ זײַנ אפּעליאציע ווידער כאראָטע געהאט אפּ די „פעלערנ", וואָס ער האָט דערלאָזט, — אָט ווי ווײַט מע האָט „איבערצײַגט" א מענטשנ. די פּארטקאָלעגיע פונ דער קאָמיסיע פונ פּארטיי־קאָנטראָל האָט אופגעשטעלט דעמ כאוו. סעדענקאָוו אינ דער פּארטיי.

אנ ענלעכער פאקט האָט פּאסירט אויכ מיטנ כאוו. טאָלסטיקאָוו — דירעקטאָר פונ דער איקאָרעצקער מטס, ליסקינסקער ראיאָנ, וואָראָניעזשער געגנט. דער כאוו. טאָלסטיקאָוו האָט אפּנ אדרעס פונ די כאווײרימ סטאלינ און מאָלאָטאָוו צוגעשיקט א בריוו וועגנ דעמ, אז אימ רוידעפנ אומגערעכט די סעקרעטארנ פונעמ ראיקאָמ, וועלכע דערלאָזנ אלײנ פארקריפּלונגענ אינ די ברויט־צושטעלונגענ.

בײַס א טוער פונ דער קאָמיסיע פונ פּארטיי־קאָנטראָל האָט אויסגעפאָרשט אפּנ אָרט, איז דעמ כאוו. טאָלסטיקאָווס מעלדונג פולשטענדיק באשטעטיקט געוואָרנ, און די סעקרעטארנ פונעמ ראיקאָמ זײַנענ דעמאסקירט געוואָרנ אלס סאָנימ פונ פאָלק. אָבער אויכ נאָכ זייער ארעסט האָט מענ אינעמ ראיאָנ ניט אופגעהערט צו רוידעפנ דעמ כאוו. טאָלסטיקאָוו, מע האָט זיכ דערשלאָגנ, ער זאָל אויסגעשלאָסנ ווערנ פונ דער פּארטיי און אפילע ארעסטירט ווערנ.

די גרויסע צאָל אָנקלאָגעס זײַנע אינ וואָראָניעזשער געגנטקאָמ פונ דער פּארטיי

האָט דער געגנטקאָם ניט באַטראַכט אין משעכ פונ דרײַ כאָדאָשים, ניט געקוקט אָפ די פּילמאָליקע דערמאָנונגען פונעמ סעקרעטאַריאַט פונ צק אַלקפּ(ב). בלויז ווענ די קאָמיסיע פונ פּאַרטיי־קאָנטראָל האָט נאָכאַמאָל זיכ אַרײַנגעמישט אינ אויגוסט 1938 יאָר, איז דער כאַוו. טאָלסטיקאָוו פולשטענדיק רעאַביליטירט געוואָרנ, אונ די שולדיקע אינ רוידעפנ אונ אינ ווילקיר זײַנענ באַשטראָפט געוואָרנ.

זייער אָפט ווערט געבראָכנ דאָס רעכט פונ די פּאַרטיי־מיטגלידער צו פאָדערנ זייער פּערזענלעכנ אָנטייל אינ אַלע פאַלנ, ווענ עס ווערט באַהאַנדלט די פראַגע וועגנ זייער טעטיקײַט אָדער אויפירונג. דאָס אויסשליסנ אונטער די אויגנ איז, צומ באַדויערנ, ניט קיינ זעלטנהײַט אינ פיל פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס.

דאָס דערמאָנענ אינעמ סטאַטוט וועגנ די רעכט פונ דעמ פּאַרטיי־מיטגליד האָט אויכ אַנ אויסשליסלעכע באַטײַטונג פונעמ שטאַנדפּונקט פונ פאַרווירקלעכנ איינע פונ די וויכטיקסטע האַנאָכעס פונעמ לעניניזמ: ניט נאָר לערנענ די מאַסנ, נאָר אויכ לערנענ זיכ בא די מאַסנ.

דער כאַווער סטאַלינ האָט אפנ פעוורал־מאַרט־פּלענומ פונעמ צק אינ יאָר 1937 אָנגעוויזנ, אַז

„...בלויז אונדזער דערפאַרונג אַליינ, די דערפאַרונג פונ די אָנפירער, איז נאָכ ווײַט ניט גענוג. קעדיי ריכטיק אָנצופירנ, איז נייטיק צו דערגאַנצנ די דערפאַרונג פונ די אָנפירער מיט דער דערפאַרונג פונ דער פּאַרטיי־מאַסע, מיט דער דערפאַרונג פונעמ אַרבעטער־קלאַס, מיט דער דערפאַרונג פונ די אַרבעטנ־דיקע, מיט דער דערפאַרונג פונ די אַזויגערופענע „קליינע מענטשנ".

דאָס באַטײַט — אפ קיינ איינ מינוט ניט אָפּשוואַכנ, אונ אוואַדע ניט צערײַסנ אונ־דזערע פאַרבינדונגענ מיט די מאַסנ.

פונדאַנענ דרינגט אַרויס די נייטיקײַט פונ אַ ספּעציעלנ פּונקט אינעמ סטאַ־טוט, וואָס זאָל פאַרזיכערנ דאָס רעכט פונ די פּאַרטיי־מיטגלידער צו ווענדנ זיכ מיט יעטווידער פראַגע אונ מעלדונג אינ יעטווידער פּאַרטיי־אינסטאַנצ, ביזנ צק פונ דער אַלקפּ(ב) אײַנגעשלאָסנ. מעלוכישע אונ פּאַרטיייִשע פראַגנ פונ גרויסער וויכטי־קײַט, פאַקטנ, וואָס האָבנ אַנ אויסשליסלעכע באַדײַטונג פאַר אויפדעקנ די אומאָרדענונגענ אינ דער אָדער אַנדערער פּאַרטיייִשער אָדער סאָוועטישער אָרגאַניזאַציע, שווימענ אָפט אַרויפ אפ דער ליכטיקער שײַנ טאַקע אינ צוזאַמענהאַנג מיט מעלדונגענ פונ די „קליינע מענטשנ".

לענינ אונ סטאַלינ ווײַזנ פיל מאָל אָנ אפ דעמ, אַז אַ ביוראָקראַט מיט אַ פּאַרטיי־בילעט — דאָס איז דער געפערלעכסטער אונ ערגסטער מינ ביוראָקראַט, ווײַל, האָבנדיק אַ פּאַרטיי־בילעט, מיינט ער, אַז ער מעג זיכ ניט רעכענענ מיט די פּאַרטיייִשע אונ סאָוועטישע געזעצנ, מיט די באַדערפעניִשנ אונ אינטערעסנ פונ די אַרבעטנדיקע.

די סטאַטוט־פאַרפעסטיקונג פונ די רעכט פונ די פּאַרטיי־מיטגלידער גיט דער פּאַרטיי אינ די הענט אַ ביז גאָר שטאַרק געווער צומ קאַמפּ קעגנ גײַווע, קעגנ ביוראָקראַטישנ איבערנעמענ זיכ אונ גרויסהאַלטערײַ, פאַר פאַרבעסערנ די פאַר־בינדונגענ פונ די אָנפירער מיט די אונטערגעפירטע, אונ, הייסט עס, פאַר פאַרבעסערנ די גאַנצע פּאַרטיייִשע אונ מעלוכישע אַרבעט.

וועגן אָפּשאַפן די מאַסן־ווע ריי־ניקונגען

די טעזיסן זעען פאָר, ווייטער, די אָפּשאַפונג פון די מאַסנווע פּאַרטיי־רייני־קונגען. די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז פון זיי קאָן מען און מע דאַרף זיך איצט אָפּזאָגן איבער פאָלגנדיקע מאָטיוון.

דער מעטאָד פון מאַסנווע רייניקונגען, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין אָנהייב פון נעפּ, אינעם פעריאָד פון דער אופלעבונג פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, קעדיי צו באַשיצן די פּאַרטיי, אַז אין אירע רייען זאָלן ניט אַרייַנדרינגען קיין מענטשן, וואָס זיינען דעמאָראַליזירט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיטן נעפּ, האָט פאַרלאָרן דעם באָדן פאַר דער איצטיקער סיטואַציע, ווען די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן זיינען ליקווידירט.

עס איז נייטיק דאָ אונטערצושטרייכן, אַז די מאַסנווע רייניקונגען האָבן געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָליע פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון דער פּאַרטיי. אויב אונדזער פּאַרטיי שטעלט איצט מיט זיך פאָר אַ פיל מער אָרגאַניזירטע קראַפט, איידער ווען־עס־איז, אויב די פּאַרטיי האָט פאַרפעסטיקט איר מעכטיקייט, האָבן־דיק אָפּגערייניקט אירע רייען פון יעטווידער פּאַסקודסטווע, האָבן אין דער דאָזיקער זאַך די מאַסנווע רייניקונגען געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג.

אָבער אין די באַדינגונגען, ווען די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן זיינען ליקווידירט, ווען אין דער פּאַרטיי־ווירטשאַפט איז איינגעפירט געוואָרן אַ באָלשעוויסטישע אָרדענונג, ווען די פּאַרטיי איז שוין פאַטער געוואָרן פון די ניט־זיכערע און צווייפלהאַפטע עלעמענטן, אַנטשפּרעכט דער מעטאָד פון מאַסנווע רייניקונגען בעפּיירעש ניט די געענדערטע באַדינגונגען, ער דערגרייכט ניט דעם ציל.

די פּאַרטיי קאָן אין דער געוויינלעכער אָרדענונג די רייען אירע אָפּרייניקן פון די מענטשן, וואָס ברעכן די פּראָגראַם און דעם סטאַטוט פון דער פּאַרטיי.

די נעגאַטיווע זייטן פון די מאַסנווע רייניקונגען באַשטייען אין דעם, וואָס דער קאַמפּאַניישער כאַראַקטער פון די מאַסנווע רייניקונגען ברענגט מיט זיך פיל פעלערן, פריער פאַר אַלץ לויט דער ליניע פון ברעכן דעם לעניניש פּרינציפּ וועגן אַן אינדיווידועלן צוגאַנג צו מענטשן.

איינפירנדיק אַ באַשטימטן סטאַנדאַרט, מעסטנדיק מענטשן לויט איין באַשטימטער מאָס, העלפט מיט דער מעטאָד פון מאַסנווע רייניקונגען דעם פאָרמעלן צוגאַנג, ער גיט ניט קיין מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן אין דער פולער מאָס די פּאַרטיייִשע איינשטעלונג וועגן אַן אויפמערקזאַמער באַציִונג צו די פּאַרטיי־מיטגלידער, צו טוער, און אין דער פּראַקטיק פירט ער אָפּט צו דער פאַרקלענערונג פון די רעכט פון די פּאַרטיי־מיטגלידער.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט זיינען בא די מאַסנווע רייניקונגען געווען אַ סך ניט באַגרינדעטע אויסשליסונגען פון דער פּאַרטיי, און די פיינטלעכע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך דורכגעשמוגלט אין דער פּאַרטיי, פלעגן אויסנוצן די רייניקונגען צו רודיפן און שלאָגן ערלעכע טוער.

הייסט עס, אַז אין די באַדינגונגען, ווען די פּאַרטיי האָט שוין דורכגעפירט אַ גרויסע אָפּרייניקונג־אַרבעט, ווערט דער מעטאָד פון מאַסנווע רייניקונגען ניט גויטוועגדיק. וועגן דעם רעדט דער פאַקט, וואָס די סאַמע ערנסטע אַרבעט פון אָפּ־

רייניקן די פּאַרטיי, פֿון אָפּרייניקן זי פֿון די שׂונאים פֿון פֿאָלק, פֿון די פֿעלשער, פּאַרעטער און אַגענטן פֿונעם פֿאַשיזם האָט זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט נאָך די מאַסעווע רייניקונגען. דאָס איז ניט צופֿעליק. די נײַע מעטאָדן פֿון דער אונטערײַסערישער טעטיקייט פֿון די פֿײַנטלעכע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך דורכגעשמוגלט אין דער פּאַרטיי, זײַנען באַשטאַנען אין צווייפּנעמדיקייט, אין מאַסקירן זייער אונטערײַסערישע טעטיקייט מיט אויסערלעכער אײַנשטימיקייט מיט דער פּאַרטיי־ליניע, מיט אויסערלעכער גרייטקייט צו קעמפֿן פֿאַר אירע באַשלוסן. עס איז באַוווּסט, אַז מיטן מאַכן אַ געפּילדער, מיט קלוימערשטער אַקטיוויקייט, אונטערלעקערײַ, מיטן שאַפֿן אַן אַטמאָספֿער פֿון כניפֿע, פֿײַערלעכע רעדעס, באַגריסונגען אאַוו. האָבן די פֿײַנטלעכע עלעמענטן זיך ברייט באַנוצט, קעדיי אָפּצונאַרן און פֿאַרשלעפֿערן די וואַכזאַמקייט פֿון איניקע אונזערע אָנפֿירער.

הייסט עס, בענעגייע צו די פֿײַנטלעכע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך דורכגעשמוגלט אין דער פּאַרטיי, וואָס מאַסקירן זייער פֿײַנטלעך פּנים מיט מיטלען פֿון צווייפּנעמדיקייט און פֿון אָפּנאַרן די פּאַרטיי, האָט דער מעטאָד פֿון מאַסעווע רייניקונגען זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ ווייניק־ווירקעוודיקן און פֿאַר אַזאַ, וואָס דערגרייכט ניט דעם ציל.

דער מעטאָד פֿון מאַסעווע רייניקונגען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז געווענדט מיט זײַן שאַרף, דעריקער, קעגן די אַזוי־גערופֿענע פּאַסיווע פּאַרטיי־מיטגלידער און האָט געבראַכט צום אויסשליסן פֿון דער פּאַרטיי ערלעכע און געווויסנהאַפֿטע פּאַרטיי־מיטגלידער איבער מאָטיוון, אַז זיי זײַנען, קלוימערשט, פּאַסיוו.

בײַס דער רייניקונג פֿון 1933 יאָר זײַנען די אַזוי־גערופֿענע פּאַסיווע געווען די גרעסטע גרופּע צווישן די אויסגעשלאָסענע פֿון די פּאַרטיי־רייען. די גרעסטע צאָל פֿעלערן האָבן די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס דערלאָזט טאַקע בענעגייע די אַזוי־גערופֿענע פּאַסיווע. אַלס פּאַסיווע פֿלעגן אָפֿט פֿאַררעכנט ווערן ערלעכע, איבערגעגעבענע טוער, פֿאָרגעשריטענע פּראָדוקציע־אַרבעטער. אין די רייען פֿון פּאַסיווע פֿלעגט מען פֿאַררעכענען כאַווײַרים, וועלכע האָבן ניט געהאַט די אָדער אַנדערע, אָפֿט פּוסטע, אָנלאָדונג, וועלכע זײַנען פֿאַרבונדן מיט אַ גרויסער פֿאַמיליע, וועלכע האָבן ניט באַזוכט עטלעכע מאָל אַ קרײַזל, וועלכע האָבן ניט געענטפֿערט אויף אַ וועלכער־עס־איז איבערגעשפּיצטער אָדער אומגעלומפּערטער פֿראַגע בײַ פּאָליט־עקזאַמענס.

עס איז איבעריק צו ברענגען בײַשפּילן פֿון די ניט־באַגרינדעטע אויסשליסונגען פֿאַר פּאַסיווקייט. אין יעטווידער אָרגאַניזאַציע וועלן זיך געפֿינען ניט ווייניק אַזעלכע בײַשפּילן.

אַזוי־אַרום פֿאַלט אָפּ אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון דער פּאַרטיי די נייטיקייט אין מאַסעווע רייניקונגען.

די פּאַרטיי האָט אָפּגעשטעלט פֿונעם מאַרט־פּלענום פֿונעם צק אין 1937 יאָר און אָפּן יאַנוואַר־פּלענום פֿונעם צק אין 1938 יאָר פֿאַרורטיילט די פּראַקטיק פֿון פֿאָרמעלער און האַרצלאָז־ביוראָקראַטישער באַציִונג צו דער פֿראַגע וועגן דעם גורל פֿון די פּאַרטיי־מיטגלידער, וועגן אויסשליסן פֿון דער פּאַרטיי און וועגן אָפּשטעלן אויסגעשלאָסענע פֿון דער פּאַרטיי. די דאָזיקע פּראַקטיק האָבן, ווי באַוווּסט, ברייט אויסגענוצט די קאַריעריסטישע עלעמענטן, וועלכע זײַנען אַרײַנגעדרונגען אין דער פּאַרטיי, וועלכע האָבן געשטרעבט זיך אויסצייכענען און אַרויסרוקן זיך אויף די

אויסשליסונגען פון דער פארטיי, ווי אויך די פארמאסקירטע סאָנים אינווייניק אין דער פארטיי, וועלכע האָבן געשטערעבט דורך ברייטער אָנווענדונג פון רעפּ־רעסיע־מיטלען אומברענגען ערלעכע פארטיי־מיטגלידער און פארשפרייטן איבעריקע פארדעכטיקטקייט אין די פארטיי־רייען. געענדערט די טאקטיק, האָט דער סוינע זיך אָנגעקלאמערט אָן דער וואכזאמקייט און האָט ספעקולירט אפ דעם, שטרעבנדיק אונטער דער מאסקע פון פאלשע רעדעס וועגן וואכזאמקייט אומברענגען וואָס מער ערלעכע קאָמוניסטן, האָבנדיק אין זינען צו פארשפרייטן קעגנזייטיקן אומצוטרוי און דעזאָרגאניזירן אונדזערע רייען.

רעכילעס אפ ערלעכע טוער אונטערן פלאג פון „וואכזאמקייט" איז בא הײַנטיקן טאָג דער אמערסטן פארשפרייטער מעטאָד פון צודעקן, מאסקירן פײַנטלעכע טעטיקייט. די ניט־דעמאסקירטע שלאנגען־נעסטן פון סאָנים זוכט פריִער פאר אלץ צווישן די רעכילעסניקעס.

דער יאנוואר־פלענום פונעם צק אלקפ(ב) אין 1938 יאָר האָט אָנגענומען א ריי מיטלען, וואָס זיכערן די ליקווידירונג פון דער פראקטיק פון אָהולנע אויס־שליסונגען פון דער פארטיי און דאָס אײַנשטעלן ווירקלעך א דיפערענצירטן צו־גאנג באם לייזן פראגן וועגן אויסשליסן פון דער פארטיי אָדער וועגן אופשטעלן די אויסגעשלאָסענע.

דער צק איז ארויסגעגאנגען פון דעם כאוועשטער סטאלינס באוווסטער אָנ־ווײַזונג אפן פעוורעל־מארט־פלענום פונעם צק אין 1937 יאָר:

„...אייניקע אונדזערע פארטיי־אָנפירער לײַדן אפ אָפּוועזנהײַט פון אופמערק־זאמקײַט צו מענטשן, צו פארטיי־מיטגלידער, צו טוער. נאָך מער, זיי דער־לערנען ניט די פארטיי־מיטגלידער, זיי ווייסן ניט, מיט וואָס זיי לעבן און ווי זיי וואקסן, זיי קענען ביכלאל ניט די טוער. דעריבער האָבן זיי ניט קיין אינדיווידועלן צוגאנג צו די פארטיי־מיטגלידער, צו די פארטיי־טוער. און טאקע דערפאר, ווײַל זיי האָבן ניט קיין אינדיווידועלן צוגאנג באם אָפּשאצן פארטיי־מיטגלידער און פארטיי־טוער, האנדלען זיי געוויינלעך סטאם אין דער וועלט ארײַן: אָדער זיי לויבן זיי אָהולנע, אָן א מאָס, אָדער זיי שלאָגן זיי אויך אָהולנע און אָן א מאָס, שליסן אויס פון דער פארטיי אין די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער. אזוינע אָנפירער סטארען זיך ביכלאל צו דענקען מיט צענדליקער טויזנטער, ניט זאָרגנדיק וועגן „אייניצלנע", וועגן באזונדערע פארטיי־מיטגלידער, וועגן זייער גורל. אויסשליסן פון דער פארטיי טויזנטער און צענדליקער טויזנטער מענטשן האלטן זיי פאר א קלייניקײַט, טרייסטנדיק זיך דערמיט, וואָס די פארטיי אונדזערע איז א צוויימיליאָניקע און צענדליקער טויזנטער אויסגעשלאָסענע קאָנען ניט ענדערן וואָס־ניט־איז אין דער לאגע פון דער פארטיי. אָבער אזוי קאָנען צוגיין צו פארטיי־מיט־גלידער בלויז מענטשן, אין טאָך, טיף אנטיפארטייִשע.

אין רעזולטאט פון אזא הארצלאָזער באציִונג צו מענטשן, צו פארטיי־מיט־גלידער און פארטיי־טוער ווערט קינסטלעך געשאפן אומצופרידנקײַט און פארביטערונג בא איין טייל פארטיי, און די טראָצקיסטישע צווייפענעמדיקע כאפן געשיקט אופ אזוינע פארביטערטע כאווירים און שלעפן זיי געניט נאָך זיך אין זומפּ פון דער טראָצקיסטישער שעדיקערײַ".

כאווירים, איר האָט, מיסטאמע, געוועגדט די אופמערקזאמקייט אפ דעם, אז בייס דער דיסקוסיע איבער די טעזיסן וועגן די ענדערונגען אינעם סטאטוט פון דער אלקפ(ב) האָט די פראגע וועגן די מיטלען פון קאמף קעגן דעם דיס־קרעדיטירן ערלעכע פארטיי־מיטגלידער פארנומען ניט דאָס לעצטע אָרט. אין צק און אין דער רעדאקציע „פראוודא" איז אָנגעקומען אויך א גרויסע צאָל בריוו אפ דער דאָזיקער טעמע.

איך וועל ברענגען עטלעכע ביישפילן פון פיינטלעכער טעטיקייט אונטערן פלאג פון „וואכזאמקייט".

אלס סעקרעטאר פון איסינסקער ראיקאָם פון דער אלקפ(ב), טאמבאָווער געגנט, איז געווען איינער א קאליאקיין. אין משך פון א קורצער צייט האָט ער פון דער אלגעמיינער צאָל 175 מאן פון דער פארטיי־אָרגאניזאציע אויסגע־שלאָסן פון דער פארטיי 58 מאן. קאליאקיין פלעגט טאָן אזוי: ווי נאָר ער פלעגט אויסשליסן וועמען־עס־איז פון דער פארטיי, פלעגט ער טייקעף שטעלן די פראגע וועגן צוציען צו פארטיייִשער פאראנטוואָרטלעכקייט אלע קאָמוניסטן, וואָס האָבן געהאט א וועלכע־ניט־איז שייכות צום אויסגעשלאָסענעם. ער האָט געהאנדלט לויט אן אייגנארטיקן „קאָנווייער". צום ביישפיל, לויט קאליאקיינס פאָדערונג איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פארטיי נאזאראָוו, וועלכער איז דערנאָך, לויט דער פאָדערונג פונעם ראיקאָם, ארעסטירט געוואָרן. ער איז אָפּ־געזעסן ארעסטירט בא 7 כאדאָשים און מאכמעס דעם, וואָס די באשולדיקונ־גען, וועלכע זיינען קעגן אים ארויסגעשטעלט געוואָרן, זיינען ניט דערוויזן געוואָרן, האָבן אים די אויספאָרשונגס־אָרגאנען באפרייט. אָבער פאר דער צייט, וואָס נאזאראָוו איז געווען ארעסטירט, זיינען פאר פארבינדונג מיט אים אויס־געשלאָסן געוואָרן פון דער פארטיי זיין פרוי און 7 קאָמוניסטן, און עס זיינען אויך אויסגעשלאָסן געוואָרן פונעם קאָמיוג 28 קאָמיוגיסטן, און 10 אומפארטייייִשע לערער זיינען אראָפּגענומען געוואָרן פון דער ארבעט. קאליאקיין איז, סאָפּ־קאָלסאָפּ, ווי עס באדארף זיין, דעמאסקירט געוואָרן אלס סוינע פון פאָלק, אויס־געשלאָסן פון דער פארטיי און ארעסטירט געוואָרן.

אין דער ארכאנגעלסקער פארטיי־אָרגאניזאציע איז, צום ביישפיל, דעמאס־קירט געוואָרן אזא בייזווילי־קער רעכילעסניק, ווי פרילוטשני, וואָס האָט אָנגע־שריבן 142 מעלדונגען אפ קאָמוניסטן, און קיין איינע פון זיי האָט זיך ניט באשטעטיקט.

אין לענינגראד האָט אין משך פון א לאנגער צייט אָרודעוועט די אנ־טיפארטיייִשע גרופע פון נאפאָלסקאיא, וואָס האָט פלייסיק „אָרגאניזירט" קאָמפראָ־מעטירנדיקע מאטעריאלן אפ ערלעכע קאָמוניסטן, געשריבן אפ זיי מעלדונגען אין נקווד און האָט זיך געוואָלט דערשלאָגן, אז מע זאָל אומברענגען ערלעכע מענטשן. די דאָזיקע גרופע האָט רעכילעסדיק באשמוצט עטלעכע צענדליק ערלעכע מענטשן.

גלאדקיך, דער געוועזענער סעקרעטאר פון ראָוודינסקער ראיקאָם פון דער אלקפ(ב), ארכאנגעלסקער געגנט, פלעגט געבן אופגעבונגען יעדן קאָמוניסט צו געפינען א סוינע פון פאָלק און פלעגט פאָרויס וואָרענען, אז „קיינע שום אי־בערביינג וועט פון דעם ניט זיין".

אין קליוטשעווער ראיאָן, אקטיובינסקער געגנט, האָט דער סוינע פון פאָלק

פעסקאָווסקאיא אָרגאניזירט דאָס אויסשליסנ פונ דער פארטיי 156 קאָמוניסטנ, וואָס דאָס האָט באטראָפנ 64% פונ דער גאנצער אָרגאניזאציע. אינעמ קאָלווירט „פראָגרעס" פונעמ דאָזיקנ ראיאָנ איז אויסגעשלאָסנ געוואָרנ פונ דער פארטיי די גאנצע פארטיי-אָרגאניזאציע אינ באשטאנד פונ 13 מאנ.

זייערע הויפט-אָנשטרענגונגענ פלעגנ די סאָנימ אָנווענדנ אפ אומצוברענגענ די ערלעכע באָלשעוויסטישע קאדרענ. דער סוינע פונ פאָלק קודריאווצעוו, וועלכער האָט, איידער ער איז דעמאסקירט געוואָרנ, זיכ געפונענ אפ אָנפירנדיקער ארבעט אינ איינער פונ די אוקראיִנישע פארטיי-אָרגאניזאציעס, האָט אינ זיינע באוויזנ געזאָגט אָט וואָס:

„מיר האָבנ געשטרעבט אויסצושליסנ א ווי ווייט מעגלעכ גרעסערע צאָל מענטשנ פונ דער פארטיי. מיר פלעגנ אויסשליסנ אויכ די, וועמענ עס איז ניט געווענ פאר וואָס אויסצושליסנ. דער כעזשבנ איז געווענ איינער — פארגרעסערנ די צאָל פארביטערטע מענטשנ אונ דערמיט גופע פארגרעסערנ די צאָל פונ אונדזערע פארבינדעטע".

דאָס צעגראָמירנ דעמ פארטיי־אפאראט איז אויכ געווענ אינ פלאנ פונ דער אונטערייסערישער טעטיקייט פונ די סאָנימ פונ פאָלק. אָט וואָס עס האָט דער־קלערט אינ זיינע באוויזנ א צווייטער סוינע פונ פאָלק, וואָס האָט זיכ דורכגעשמוגלט אפ א גענארערישנ אויפנ אינ איינעמ פונ די געגנטקאָמענ פונ דער פארטיי אינ אוקראיִנע:

„אינ מעשעכ פונ 5—6 טעג האָב איכ צעטריבנ דעמ אפאראט פונעמ געגנטקאָמ, אראָפגענומענ קימאט אלע פארוואלטערס מיט די אָפטיילנ פונעמ געגנטקאָמ, צעטריבנ 12—15 אינסטרוקטאָרנ אונ פארביטנ אפילע דעמ טעכנישנ אפאראט פונעמ געגנטקאָמ.

דאָס אלצ האָב איכ געטאָנ אונטערנ פלאג פונ קאמפ קעגנ די סאָנימ אונ פונ אָפרייניקנ דעמ געגנטקאָמ פונ דער קפ(ב)או פונ מענטשנ, וואָס האָבנ פארלאָרנ די וואכזאמקייט. נאָכ דער „אָפרייניקונג" פונעמ אפאראט פונעמ געגנטקאָמ בינ איכ אונטער דעמ זעלבנ פלאג צוגעטראָטנ צו צעטרייבנ די שטאָטקאָמענ אונ ראיקאָמענ. אינ פארלויפ פונ א קורצער צייט האָב איכ אראָפגענומענ פונ דער ארבעט 15 סעקרעטארנ אונ א גאנצע ריי טוער, קעגנ וועלכע איכ האָב ניט געהאט קיינע שומ קאָמפראָמעטירנדיקע מאטע־ריאלנ. איכ האָב געשאפנ דעמ אָנשטעל פונ קאמפ קעגנ די סאָנימ, פאר־ביטערנדיק קעגנ דער פארטיי א ריי קאָמוניסטנ, וועלכע איכ האָב אבסאָליוט אומפארדינט אראָפגענומענ פונ דער ארבעט. כוצ דעמ, האָב איכ אראָפגע־נומענ פונ דער ארבעט אויכ א ריי אָנטיילנעמער פונ אונדזער קאָנטררע־וואָליוציאָנערער אָרגאניזאציע, אריבערפירנדיק זיי אפ א קלענערער ארבעט אונ ראטעווענדיק זיי פונ א דורכפאל".

אינ אייניקע אָרגאניזאציעס האָבנ די רעכילעסניקעס אפ אזויפיל זיכ צע־גארטלט, אז זיי קריכנ מיט די פיס אפנ טיש.

אָט, צומ ביישפיל, איז אינ איינעמ פונ די ראיאָנענ פונ דער קיִעווער געגנט דעמאסקירט געוואָרנ דער רעכילעסניק כאנעווסקי. קיינ איינע פונ די פיל מעל־דונגענ, וואָס כאנעווסקי האָט אָנגעגעבנ אפ קאָמוניסטנ, האָט זיכ ניט באשטעטיקט. דאָכ האָט דער דאָזיקער רעכילעסניק ניט פארלאָרנ די מוט, אונ אינ איינער

פון זײַנע דעמאַסקירנדיקע מעלדונגען אין געגנטקאָם פון דער קפּ(ב)או האָט ער זיך געווענדט מיט אזא ביטע: „איך האָב זיך ארויסגעשלאָגן פון די קויכעס אין קאמף קעגן די סאָנים, און דעריבער בעט איך א פּוטיאָווקע אפ א קוראָרט". (הילכיקער געלעכטער.)

כאראַקטעריסטיש איז די ארויסטרעטונג אפ דער פארזאמלונג פונעם איר-קוטסקער אקטיוו פונעם סעקרעטאר פונעם פארטקאָם פון דעם געגנטלעכן ערד-אָפּטייל ניעפּעדאָוו. די פּארטיי-מיטגלידער טיילט ער איין אין דריי גרופּעס: „די ערשטע פיגור, — דערקלערט ער, — אויב ער ווײַזט ארויס שטארקע אקטיוו-קײַט, הייסט עס, אז מע דארף אים דורכקאָנטראָלירן, געוויס פירט דאָס סטעזש-קעלע צום סוינע. די צווייטע פיגור, אויב ער האָט א „באגאזש", א שווער געוויכט, איז קלאָר, אז ער וועט אָפּשטיין, דאָס געוויכט שטערט אים, דארף מען אויך דיסקאָנטירן, דורכקאָנטראָלירן, און דער וועג, אפּאָנעם, וועט אויך פירן צום סוינע. און די דריטע פיגור, ווען מיר וועלן געפינען א מענטשן, וואָס ארבעט ניט אויס געוויסן, נאָר אויס מיירע, דאָ וועסטו געוויס קיין טאָעס ניט האָבן — ס'איז א סוינע". (הילכיקער געלעכטער.)

ווי איר זעט, א גאנצע „טעאָריע".

די „טעטיקייט" פון אייניקע רעכילעסניקעס האָט אָנגענומען אזא ברייטן פארנעם, אז זיי האָבן אָנגעהויבן אײַנפירן אין איר א געוויסע „ראַציאָנאליזאציע".

אָט איז, צום בײַשפּיל, אלעקסייעוו — א פארטיי-מיטגליד פון 1925 יאָר, פאר-וואלטער מיטן אירבייסקער ראיאָנעם פארטיי-קאבינעט (קראסנאָיארסקער קאנט). געארבעט האָט ער שלעכט, אָפּגעבנדיק זײַן גאנצע צײַט אפ שרײַבן רעכילעס-דיקע מעלדונגען אפ ערלעכע קאָמוניסטן און אומפּארטייִשע לערער. „איניאָנים" האָט ער דאָ געהאט פיל, און ער האָט בא זיך אײַנגעפירט א צעטל מיט ספּעציעלע רובריקעס: „א גרויסער סוינע", „א קליינער סוינע", „א סוינעלע", „א פּיצעלע סוינע". (אלגעמיינער געלעכטער.) ניטאָ וואָס צו ריידן, אז ער האָט גע-שאפן אין ראיאָן אן אבסאָליוט אומעגלעכע אַטמאָספער. סאָפּקאָלסאָפּ איז ער אויס-געשלאָסן געוואָרן פון דער פארטיי ווי א רעכילעסניק.

אין צוזאמענהאנג מיט אלעקסייעוון האָב איך געטראכט, אָן וועמען דערמאָנט אזא טיפּ, און איך האָב זיך דערמאָנט סאָבאַקעוויטשן פון גאָגאָלס ווערק „טויטע נעפּאשעס". ווי באוווסט, האָט סאָבאקעוויטש אלעמען געהאלטן פאר שווינדלער און גאזלאָנים. ווען טשיטשיקאָוו האָט זיך מוידע געווען פאר סאָבאקעוויטשן, אז מער פון אלעמען געפעלט אים אין דער גובערניאַלער שטאָט דער פּאָליצ-מייסטער פאר זײַן אָפנהארציקײַט און צוגעלאָזטקײַט, האָט סאָבאקעוויטש קאלט-בלוטיק געענטפערט:

„א שווינדלער! ער וועט פארקויפן, אָפּנארן, און נאָך אָפּעסן מיט אײַך מיטיק! איך קען זיי אלעמען: דאָס זײַנען אלע שווינדלער, די גאנצע שטאָט איז דאָרט אזא: א שווינדלער זיצט אפ א שווינדלער און טרײַבט אָן מיט א שווינדלער. אלע קענען זיי גאָט אליין פארהאנדלען. פאראן דאָרט בלויז איין לײַטישער מענטש: דער פּראָקוראָר, אָבער אויך יענער איז, דעם עמעס געזאָגט, א כאזער". (א שטארקער געלעכטער אין זאל.)

אפּאָנעם, אַז סאָבאַקעוויטשעס און־און־איינינקלעך האָבן דערלעבט אפילע ביז אונדזערע צייטן, ערגעץ־ווו האָבן זיי זיך אַפילע דורכגעשמוגלט אין דער פּאַרטיי. מע דאַרף נעמען א בעזעם, און טאַקע א גוטן, און אויסקערן פון אונדזער פּאַרטיי־הויז אַזאַ מין מיסט. (איינמוטיקע אָפּלאָדיסמענטן.)

די שטרעבונג אָפּצושאָקלען זיך פונעם לעבעדיקן מענטשן, דאָס ניט וועלן פּאַנאַנדערקלייבן זיך אין די באַשולדיקונגען, וואָס ווערן קעגן אים אַרויסגעשטעלט לויטן טאָכ, פּאַרבלייבט נאָך אַלץ א קרענק בא זייער פיל פּאַרטיי־אָנפירער. סטראַכירער און איבערסטראַכירער זיינען נאָך פּאַראַן ניט ווייניק בא אונדז אין די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס.

באַזונדערס גרויסע מאַסשטאַבן האָט אָנגענומען זייערצייט, און דאָס קומט נאָך אויך איצט פאָר, דאָס אויסשליסן פון דער פּאַרטיי איבער מאָטיוון פון „פּאַרבינדונג“ מיט סאָנים.

אַפ דעם דאָזיקן גרונט זיינען אָהולנע אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי א ניט קיין קליינע צאָל ערלעכע טוער, וועמעס גאַנצע שולד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי איז אויסגעקומען מאַכמעס די באַדינגונגען פון דער אַרבעט צו באַגעגענען זיך און זען זיך מיט סאָנים פון פאָלק,—„דורכגיין איבער איין גאַס“.

די דאָזיקע גאַנגבאַרע פאָרמול—„פּאַרבינדונג מיט סאָנים פון פאָלק“—פלעגט ברייט אויסגענוצט ווערן פון אַנטיפּאַרטייישע עלעמענטן אַפ צו שלאָגן ערלעכע קאָמוניסטן. זי, די דאָזיקע פאָרמול, פלעגט געברויכט ווערן אין אַזאַ ברייטער און צעשוווּמענער אויסטייטשונג, אַז אונטער איר פלעגן פּאַרשטאַנען ווערן די סאַמע פּאַרשיידנאַרטיקע זאַכן—אי געוויינלעכע באַקאַנטשאַפט, אי געמיינזאַמע לויט די פליכטן אַרבעט מיט סאָנים, איווירקלעכע פּאַרבינדונג מיט סאָנים, אי דער אָנטייל אין קאָנטררעוואָלוציאָנערער אַרבעט—אָן וועלכע־עס־איז גראַדאַציעס, אַלץ פלעגט דערטרונקען ווערן הינטער דער אַלגעמיינער פאָרמול.

אַפ דעם דאָזיקן סמאַך איז דערלאָזט געוואָרן, און אויך איצט ווערט נאָך דערלאָזט, א גרויסע צאָל פעלערן.

בא אַזאַ אָהולנעם פּאַרורטיילן מענטשן לויט פאָרמעלע מאָטיוון, פלעגן די עמעסע אויסגעשפּראָכענע סאָנים פון פאָלק, זשוליקעס פונעם ערשטן גראַד זיך אַרויסדרייען פון דער געריכט־שטראָף.

די רעכילעסניקעס אָרודעווען דאָרט, ווו עס העלפן זיי די זעלבסטסטראַכירער. אָט איז איינער פון די ביישפּילן פון אַזאַ זעלבסטסטראַכירונג. אין איינער פון די שאַכטעס פונעם טרעסט „סווערדלאָוווגאָל“ האָבן דער פּאַרוואַלטער מיט דער שאַכטע און דער הויפּט־אינזשעניער אָנגעשריבן אַזאַ מין כאַראַקטעריסטיק א נאַטשאַלניק פון א באַצירק:

„אַרבעטן קען ער. שיקערט סיסטעמאַטיש. איז פייִק צו שיקערן מיט די אים אונטערגעאָרדנטע. די לעצטע צייט פילט ער די פּראָגראַם אויס. אָרגאַניזאַציאָנעלע פייִקייטן פאַרמאָגט ער. די אַרבעט פונעם באַצירק וועט ער זיכערן. האָט ניט ליב קיין שווונג פון דער אַרבעט. א גרויסער קאָנסערוואַטאָר און אָפּאָרטוניסט אין דער פראַגע פון אַרויסבאַקום. שטרעבט צו באַקומען וואָס א קלענערע אויפגעבונג, אַרבעטן וואָס גרינגער און וואָס מער פאַרדינען“. (געלעכטער.)

קעדיי איבערצוסטראכירנ זיכ, פלעגנ אייניקע פארטיי־מיטגלידער אָנקומענ צו דער הילפ פונ הייל־אנשטאלטנ. אָט איז א ספראווקע, וואָס איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ איינעם א בירגער:

„דער כאוו. (דער און דער) קאָנ לויט זײַנ געזונט־צושטאנד און באַ־וווסטזײַנ ניט אויסגענוצט ווערנ פונ קיינ שום קלאַסנ־סוינע פאר זײַנע צילנ. ראיפסיכ פונ אָקט. ראיאָנ פונ דער שטאָט קיעוו (אונטערשריפט)".
(הילכיקער געלעכטער.)

גאנצ ברייט האָט זיכ בא אונדז אײַנגעוואָרצלט די טעאָריע פונ אנ אייגנ־ארטיקנ „ביאָלאָגישנ" צוגאנג צו מענטשנ, צו פארטיי־מיטגלידער, ווענ מע אור־טיילט וועגנ א קאָמוניסט ניט לויט זײַנע טאטנ, נאָר לויט די טאטנ פונ זײַנע קרויווים, — נאָענטע און ווײַטע, ווענ די ניט־גענוגנדיקע אידעאָלאָגישע אויסגע־האלטנקײַט און סאָציאלע געווענדטקײַט פונ א וועלכער־עס־איז עלטערבאָבע קאָנ קאליע מאכנ די קאריערע פונ די קינדס־קינדער אפ א גאנצער ריי דורות.
(געלעכטער.)

אזא מינ צוגאנג האָט ניט קיינ שום געמיינזאמס מיטנ מארקסיזמ. מיר דארפנ ארויסגייִנ פונ דער האנאָכע, וועלכע איז ניט איינ מאָל אנטוויקלט און אונטער־געשטראָכנ געוואָרנ פונעמ כאווער סטאלינ, אז א זונ איז ניט פאראנטוואָרטלעכ פארנ פאָטער, אז מע דארפ אורטיילנ וועגנ א פארטיי־מיטגליד לויט זײַנע מײַסימ. אינ דער פראקטיק אָבער איז בא אונדז, צומ באדויערנ, פארשפרייט די דערשײַנונג, ווענ מע באשטימט דאָס זאכלעכע און פּאָליטישע פּאָנעמ פונ א טוער ניט לויט זײַנ אייגענער ארבעט, נאָר לויט דער פיזיאָנאָמיע פונ זײַנע קרויווימ און אורעלטערנ — נאָענטע און ווײַטע.

מע קאָנ ניט זאָגנ, אז די פאָרשטייער פונ דער דאָזיקער „טעאָריע" זאָלנ ארויסטרעטנ אָפנ. אָבער אינ דער זעלבער צײַט האלטנ זיי אינ איינ פירנ שטילינקערהייט זייער ארבעט און זיי אורטיילנ וועגנ א מענטשנ ניט לויט זײַנ אר־בעט, נאָר לויט זײַנ ייִכעס־צעטל.

צו דעמ דאָזיקנ „ביאָלאָגישנ" צוגאנג דארפ מענ מאכנ א סאָפ. (רוישיקע אפּלאָ־דיסמענטנ.)

בא אונדז האָבנ זיכ צעפלאָדיעט ניט ווייניק מענטשנ, איכ וואָלט זיי אָנגע־רופנ פסעוודאָמאָראליסטנ, וואָס זעענ אײַנ בא פארטיי־מיטגלידער בלויז נעגאטיווע זײַטנ, וואָס ווילנ ניט זענ און אָפשאצנ דעמ גאנצנ לעבנס־וועג פונעמ טוער, וויסנ זײַנע מײַלעס און כעסרוינעס. די דאָזיקע לײַט שאצנ אָפּ א מענטשנ ווי אנ איינמאָל אויסגעפורעמטע, אומבאוועגלעכע, טויטע סכעמע.

די דאָזיקע מענטשנ זײַנענ דערפינדער פונ „עטאלאָנענ" און סכעמעס, וועל־כע ווערנ דערנאָכ אָנגעווענדט צו באזונדערע טוער, קעדיי צו אורטיילנ — צי איז ער גוט צי שלעכט, צי לייגט ער זיכ אײַנ אינ דער סכעמע צי ניט. (געלעכטער.)

די דאָזיקע לײַט פארגעסנ, אז אונדזער גאנצע ארבעט אינ דער בויונג פונ סאָציאליזמ, אז אונדזער גאנצע דערציִערישע ארבעט איז געווענדט אפ איבערצו־מאכנ דעמ באוווסטזײַנ פונ די מענטשנ. צוליב דעמ טאקע עקזיסטירט אונדזער פארטיי, צוליב דעמ טאקע האָבנ מיר זיכ דערשלאָגנ די זיגנ פונ סאָציאליזמ, צוליב דעמ טאקע שטעלנ מיר די אויפגאבנ פונ דער קאָמוניסטישער בויונג, קע־

דיי איבערצומאכנ די מענטשנ, זייער באוווסטזיינ. אויב אייניקע מיינענ, אז דאָס איבערמאכנ דעמ באוווסטזיינ פונ די מענטשנ איז ניט נעגייע פארטיי־מיטגלידער, אז די קאָמוניסטנ זײַנענ פונ געבוירנ אָנ פרײַ פונ יעטווידע פאָרורטיילנ אונ נייטיקנ זיכ אבסאָליוט ניט אינ קיינ שומ איבערדערציִונג, איז דאָס ניט אנדערש, ווי אנ אידעאַליסטישער, סכעמאטישער קוק אפ מענטשנ. אזא צוגאנג צו א מענטשנ, ווענ מע אורטיילט וועגנ אימ אבסטראקט, לויט א פאָרויס־צוגעגרייטער מאָס, אונ מע דערלערנט אימ ניט אינ אלע פארבינדונגענ אונ פארמיטלונגענ,— פארורטיילט אפ פאסיווקייט, אפ א פעסימיסטישער אָפשאצונג פונ מענטשנ. אזא פעסימיסטישער צוגאנג איז געווענדט צו דער פארגאנגענהייט. אזא צוגאנג צומ אָפשאצנ מענטשנ האָט קיינ שומ געמיינזאמס ניט מיטנ באָלשעוויזמ. לויט זײַנ מעטאָדאָלאָגיע איז ער טיפ פײַנטלעכ דעמ באָלשעוויזמ.

מיר דוכט, אז דאָס אלץ איז א רעצידיוו פונ מענשעוויזמ, אנ אייגנארטיקע פאָרמ פונ אָפאָרטוניזמ בענעגייע צו לעבעדיקע מענטשנ, ווענ מע גייט ארויס ניט פונ דעמ, אז מע זאָל פירנ דעמ מענטשנ פאָרויס, אויסבעסערנ זײַנע כעסרוינעס אונ איבערדערציִענ, נאָר מע היפערטראָפירט, מע בלאָזט פאנאנדער די כעסרוינעס פונ די מענטשנ אונ מע דעקט ניט אופ אינ די מענטשנ דאָס ווערטפולע, וואָס איז נייטיק צו אנטוויקלענ, אונטערשטיצנ מיט אלע מיטלענ. אונ אויב מע זאָל א קראצ טאָנ די דאָזיקע פסעוודאָמאָראַליסטנ, וועט מענ צווישנ זיי געפינענ פרומאקעס אונ צוויאקעס אָנ א שיר. מיט אזעלכע מינימ קוואָרימ־גרעבער וועט מענ, פארשטייט זיכ, צו קיינ טאכלעס ניט קומענ. (שטורמישע אפלאָדיסמענטנ.)

צוזאמענ דערמיט איז נייטיק א סאָפ מאכנ צו דער פראקטיק פונ האלביקער רעאביליטאציע פונ די פארטיי־מיטגלידער, וואָס ווערנ אופגעשטעלט. אינ דער פראקטיק איז בא אונדז גאנצ ברייט פארשפרייט דער טיפ פארטיי־טוער, וואָס צוליב איבערסטראכירונג לאָזט ער איבער, „אפ יעדנ פאל”, אנ עק אָדער אנ עקלע בא דעמ פארטיי־מיטגליד אָדער קאנדידאט, וואָס ווערט רעאביליטירט: אויב א מענטש איז געווענ אויסגעשלאָסנ אונ איצט קומט אויס אימ צו רעאביליטירנ, פארשרײַבט מענ אימ אנ אויסרייד, כאָטש מע ווייסט ניט פאר וואָס; אויב ער האָט געהאט אנ אויסרייד — מאכט מענ אימ שטרענג־אופמערקזאמ, גלאט אזוי, אבי אָנוואַרפנ א שרעק. (געלעכטער.)

צו אזא פראקטיק פונ האלביקער רעאביליטאציע מוז מענ אנטשיידנ מאכנ א סאָפ אונ, אויב א מענטש פארדינט פולשטענדיקע רעאביליטאציע, איז — אראָפנעמענ פונ אימ די שטראָפ אינגאנצנ.

פונ די דאָזיקע פאקטנ איז קלאָר, אז דער באשלוס פונעמ יאנוואר־פלענומ פונעמ צק, וואָס האָט אָנגעוויזנ אפ דער נייטיקייט צו דעמאסקירנ אונ ביזנ סאָפ אויסצוראָטנ די פארמאסקירטע סאָנימ, וועלכע האָבנ זיכ דורכגעשמוגלט אינ אונדזערע רייענ אונ וועלכע סטארענ זיכ מיט פאלשע געשרייענ וועגנ וואכזאמקייט אויסצובאהאלטנ פונ דער פארטיי זייער פײַנטלעכקייט, ווערט דורכגעפירט אינ א ריי אָרגאניזאציעס נאָכ ניט גענוג אנטשיידנ.

דער מעטאָד פונ אינדיווידועלנ צוגאנג צו פארטיי־מיטגלידער איז נאָכ ניט אופגעשטעלט געוואָרנ פולשטענדיק. אָהולנע, אומבאגרינדעטע אויסשליסונגענ פונ דער פארטיי קומענ נאָכ אלצ פאָר.

דער באשלוס פונעם יאנואר־פלענום פונעם צק איז אויסן געווען צו שאפן דעם מאקסימום גאראנטיע פארן קאמף קעגן די ניט־באגרינדעטע אויסשליסונגען, אופצושטעלן פולשטענדיק דעם אינדיווידועלן צוגאנג, ארויסוואַרפן אויסשליסלעכע אופמערקזאמקייט צו די פראגן וועגן דעם גורל פון די פארטיי־מיטגלידער.

מאכמעס דער אויסשליסלעכער באדייטונג פון די דאָזיקע פראגן איז נייטיק צו דערגאנצן דעם סטאטוט מיט א רייע האנאָכעס, וואָס דארפן זיכערן אן אופמערקזאמען צוגאנג און זאָרגזאמען פאנאנדערקלייַבן די באגרינדעטקייט פון די באשולדיקונגען, וואָס זייַנען ארויסגעשטעלט קעגן פארטיי־מיטגליד; באשיצן די רעכט פון די פארטיי־מיטגלידער פון יעטווידן ווילקיר און ארויס עמען פון דער פראקטיק דאָס אָנווענדן אויסשליסונגען פון דער פארטיי, וואָס איז די העכסטע מאָס פון פארטיי־שטראָף, בענעגייע צו פארטיי־מיטגלידער, וועלכע זייַנען באגאנגען ווייניק באדייטנדיקע פעלערן.

עס איז נייטיק צו געדענקען די אָנווייַזונגען פון דעם כאוורער סטאלין:

„די פארטיי איז געוואָרן פאר דעם פארטיי־מיטגליד זייער א גרויסע און ערנסטע זאך און די מיטגלידערשאפט אין דער פארטיי אָדער דאָס אויסשליסן פון דער פארטיי — דאָס איז א גרויסער איבערבראָך אינעם לעבן פון דעם מענטשן".

„פאר אייניפאכע פארטיי־מיטגלידער איז דאָס זייַן אין דער פארטיי אָדער דאָס אויסשליסן פון דער פארטיי — א פראגע פון לעבן און טויט".

דער כאוורער סטאלין האָט אין אן אנדער אָרט אָנגעוויזן, אז די העכסטע מאָס פון פארטיי־שטראָף איז דאָס אויסשליסן פון דער פארטיי, פונקט ווי די העכסטע מאָס פון שטראָף אין דער ארמיי איז דאָס צעשיסן (זע סטאלין, זאמלונג „וועגן דער אָפּאָזיציע", ז. 34).

די באשלוסן פונעם פעברואר־מארט־פלענום פונעם צק אלקפ(ב) אין 1937 יאָר און פונעם יאנואר־פלענום פונעם צק אלקפ(ב) אין 1938 יאָר איבער דער פראגע וועגן אויסשליסן פון דער פארטיי באשטייען נעמלעך אין דעם, אז דאָס אויסשליסן פון דער פארטיי דארף מען דערפירן ביז א מינימום. אויב דאָס אויסשליסן פון דער פארטיי איז דאָס זעלבע, ווי די העכסטע מאָס פון שטראָף אין דער ארמיי, דה. ווי צעשיסן, טאָר מען עס ניט אָנווענדן אפ רעכטס און אפ לינקס.

עס איז נייטיק אופצושטעלן די ראָליע פון די מיטלען פון פארטיי־שטראָף, וואָס זייַנען פאָרויסגעזען דורכן פארטיי־סטאטוט בענעגייע צו פארשיידענע מינים באגאנגענע פעלערן. מע טאָר ניט אורטיילן וועגן אלע באגאנגענע פעלערן אלצייַנס, ניט פאנאנדערקלייַבנדיק זיך — צי איז דאָס א וויכטיקער אָדער ווייניק וויכטיקער באגאנגענער פעלער. די אויסשליסונגען פון דער פארטיי זייַנען אייַנ צייַט אין דער פראקטיק פון פיל פארטיי־אָרגאניזאציעס געמאכט געוואָרן צו קלייַנגעלט, און אזעלכע מיטלען פון פארטיי־שטראָף, ווי מאכן שטרענג־אופמערקזאם, מאכן א פאָרוווּרף, אָנווייַזן אפ דעם באגאנגענעם פעלער, אן אויסרייד, א שטרענגער אויסרייד, א שטרענגער אויסרייד מיט א וואָרענונג, דה. די גאנצע געניג בייגזאמע שקאלע פון מיטלען פון פארטייישער אופווירקונג, וואָס איז פאָרויסגעזען דורך אונדזער סטאטוט און וואָס אנטשפרעכט דעם פארשיידענעם מינ

און די פארשיידענע שטופּעס פון באגאנגענע פּארטייִשע פעלערן, — דאָס אלץ, האָט זיך ארויסגעוויזן, איז פארגעסן.

עס איז נייטיק אויסצושטעלן די ראָליע פון די מיטלען פון פּארטייִשער דערציִונג און אופוויר קונג, וואָס זײַנען פאַרויסגעזען דורכן סטאטוט.

מע דארף זאָגן אויך וועגן די אלטע, אראָפּגענומענע שטראָפן. וועגן דעם האָט מען אויך ניט ווייניק גערעדט אף די פּארטיי־פארזאמלונגען פארן צוזאמענפאָר. אויב א מענטש האָט זיך אויסגעבעסערט און די שטראָף איז פון אים אראָפּגענומען געוואָרן, — איז ניטאָ נאָך וואָס שטענדיק צו דערמאָנען וועגן איר, איז ניטאָ נאָך וואָס צו נויקעמ זײַן זיך פאר די אלטע, פאריכטע פעלערן און קלעמען מאָראליש דעם פּארטיי־מיטגליד.

ניט ווייניק זײַנען בא אונדז פאראן פאקטן, ווען א מענטש איז מיט א יאָר 10 צוריק באגאנגען א פעלער און האָט באקומען פאר דעם א שטראָף. דערנאָך האָט דער דאָזיקער מענטש זיך אויסגעבעסערט, די שטראָף איז פון אים אראָפּגענומען געוואָרן. דאָך דערמאָנט מען אומבאדינגט וועגן דער דאָזיקער שטראָף, ווען עס ווערט א רייד וועגן דעם דאָזיקן מענטשן. דאָס ברענגט, צום בײַשפּיל, פיל שאָדן פון שטאנדפּונקט פון פאַרווירקלעכן די רעכט צו ווערן אויסגעוויילט אין די פּארטאָרגאנען. עס איז באוווסט, אז באם באהאנדלען קאנדידאטורן בײַם די וואלן אין די פּארטיי־אָרגאנען ווענדט מען אָפטמאָל אָפּ אזא כאוועך. און דאָס איז ניט ריכטיק: אויב א מענטש האָט זײַן פעלער אויסגעבעסערט, איז פארוואָס דארף ער זײַן גאנץ לעבן טראָגן א מאָראלישן פלעק? פארן לאנג פאַ גאנגענעם דארף מען זיך ניט נויקעמ זײַן. (שטימען: „ריכטיק".)

וועגן אָנײַגענען און אָנערקענען די פּארטיי־פּראָגראם

אין די טעזיסן איז ארויסגערוקט געוואָרן די נייטיקײַט, אז בענעגייע די קאנדידאטן, וואָס טרעטן ארײַן אין דער פּארטיי, זאָל אָפּגעשאפט ווערן די סטאטוט־פאָדערונג, לויט וועלכער אלס באדינג פון אופנעמען זיי ווערט געשטעלט, כוץ דעם אָנערקענען די פּראָגראם און דעם סטאטוט פון דער פּארטיי און דאָס דורכגיין דעם קאנדידאטן־סטאזש לויטן סטאטוט, אויך דאָס אָנײַגענען די פּראָגראם.

דער כאוועך סטאלין האָט אינעם פּאָרטראָג אפן פעוורעל־מארט־פּלענום פון צק אלקפּ(ב) אין 1937 יאָר אָנגעוויזן:

„קעדיי אָנצוייגענען די פּארטיי־פּראָגראם, דארף מען זײַן אן עכטער מארקסיסט, א דורכגעקאָנטראָלירטער און טעאָרעטיש־צוגעגרייטער מארקסיסט. איך ווייס ניט, צי וועלן זיך בא אונדז געפינען פיל פּארטיי־מיטגלידער, וואָס האָבן שוין אָנגעייגנט אונדזער פּראָגראם, זײַנען געוואָרן עכטע מארקסיסטן, טעאָרעטיש צוגעגרייטע און דורכגעקאָנטראָלירטע. אויב מע זאָל גיין ווײַטער מיטן דאָזיקן וועג, וואָלטן מיר געדארפט איבערלאָזן אין דער פּארטיי בלויז אינטעליגענטן און בכלל מענטשן געלערנטע. ווער דארף האָבן אזא פּארטיי? מיר האָבן א דורכגעקאָנטראָלירטע, אזא, וואָס האָט אויסגעהאלטן אלע אויספּרוּוון, לענינישע פאָרמול וועגן מיטגלידערשאפט אין דער פּארטיי. לויט דער דאָזיקער פאָרמול רעכנט זיך פאר א מיטגליד פון דער

פארטיי דער, וואָס אָנערקענט די פארטיי־פראָגראם, וואָס צאָלט מיטגליד־אָפּצאָל און וואָס ארבעט אינ איינער פונ אירע אָרגאניזאציעס. נעמט אינ אכט: אינ דער לעניניסטער פאָרמול רעדט זיכ ניט וועגנ אָנייגענענ די פראָגראם, נאָר וועגנ אָנערקענענ די פראָגראם. דאָס זיינענ צוויי אבסאָליוט פארשיידענע זאכנ. עס איז אפילע ניטאָ וואָס צו דערווייזנ, אז גערעכט איז דאָ לענינ, און ניט אונדזערע פארטיי־כאוויירים, וועלכע פלוידערנ גלאט אינ דער וועלט אריינ וועגנ אָנייגענענ די פראָגראם. און דאָס איז פארשטענדלעכ. ווענ די פארטיי וואָלט ארויסגעגאנגענ דערפונ, אז מיטגלידער פונ דער פארטיי קאָנענ זיינ בלויז אזוינע כאוויירים, וואָס האָבנ שוינ אָנגעייגנט די פראָגראם און זיינענ געוואָרנ טעאָרעטיש־צוגעגרייטע מארקסיסטנ, וואָלט זי ניט געשאפנ אינ זיר פארטיי טויזנטער פארטיי־קרייזלעכ, הונדערטער פארטיי־שולנ, וווּ מע לערנט די פארטיי־מיטגלידער מארקסיזם און מע העלפט זיי אָנייגענענ אונדזער פראָגראם. עס איז אבסאָליוט קלאָר, אז אויב די פארטיי אָרגאניזירט אזוינע שולנ און קרייזלעכ צווישנ די פארטיי־מיטגלידער, איז עס דערפאר, ווייל זי ווייסט, אז די פארטיי־מיטגלידער האָבנ נאָכ ניט באוויזנ אָנצוייגענענ די פארטיי־פראָגראם, האָבנ נאָכ ניט באוויזנ צו ווערנ טעאָרעטיש־צוגעגרייטע מארקסיסטנ".

אָנייגענענ די פראָגראם — דאָס באטייט קענענ זי באגרינדנ. אָנערקענענ די פראָגראם — דאָס באטייט איינשטימיק זיינ מיט אירע האנאָכעס, זיינ מאסקים מיט איר און זיינ גרייט צו פארטיידיקנ זי. קלאָר, אז פאָדערנ פונ א קאנדידאט אָנצוייגענענ די פראָגראם, דה. באגרינדנ, — הייסט מענטשנ אָפּשרעקנ פונ דער פארטיי. די דאָזיקע פאָדערונגענ זיינענ טעאָרעטיש ניט קיינ ריכטיקע און האָבנ אינ דער פראקטיק געפירט צו א ניט־ריכטיקנ צוגאנג צו די, וואָס ווערנ אָנגענומענ. פיל קאנדידאטנ האָבנ מוירע געהאט צו דערלאנגענ מעלדונגענ וועגנ אריבערפירנ זיי פאר פארטיי־מיטגלידער אויס שרעק פאר א פאָליטישנ עקזאמענ, וואָס ווערט נאָכ דערצו דורכגעפירט, ניט זעלטנ, דורכ מענטשנ אמעראצים. אינ דער פראקטיק האָבנ די דאָזיקע ניט־באגרינדעטע פאָדערונגענ געפירט צום אויווער זיינ אפ די גרונט־פרינציפנ פונ דער פארטיי און האָבנ געשאפנ אומבאשטימטקייט און ניט־שטאנדהאפטיקייט אינ זיר לאגע בא פיל פארטיי־מיטגלידער.

פארשטייט זיכ, כאוויירים, אז דאָס הייסט ניט, אז א קאנדידאט ווערט פארבאָטנ אָנצוייגענענ די פראָגראם פאר יענעם פעריאָד, ווענ ער גייט דורכ דעם קאנדידאטנ־סטאזש. אָבער עס האנדלט זיכ וועגנ א סטאטוט־פאָדערונג צום קאנדידאט. קלאָר, אז פאָדערנ פונ א קאנדידאט, ער זאָל אָנייגענענ די פראָגראם — הייסט מענטשנ אָפּשרעקנ פונ דער פארטיי.

דאָס אָנערקענענ די פראָגראם און דעמ סטאטוט פונ דער פארטיי, דאָס צאָלנ מיטגליד־אָפּצאָל, די ארבעט אינ איינער פונ די פארטיי־אָרגאניזאציעס — אָט וואָס עס פאָדערט זיכ פונ א פארטיי־מיטגליד לויטנ סטאטוט. די אויסגעפרווטע לעניניש־סטאלינישע פאָרמול וועגנ מיטגלידערשאפט אינ דער פארטיי פאָדערט ניט קיינע שום אויסבעסערונגענ. אָט פארוואָס עס איז נייטיק אָפּצושאפנ די פאָדערונג וועגנ אָנייגענענ די פראָגראם, וועלכע איז פאראנ אינ דעמ איצט גילטיקנ פארטיי־סטאטוט.

וועגנ דער אינערלעכ-פארטייִשער דעמאָקראַטיע

כאווײרים! אינ צוזאמענהאנג מיטנ קער אינעם פּאָליטישנ לעבנ פונעם לאנד, וואָס איז ארויסגערופנ געוואָרנ דורכנ אָנעמענ די נײַע קאָנסטיטוציע פונ פססר, זײַנענ פאר דער פארטיי אנטשטאנענ נײַע אויפגאבנ. דער קער אינעם פּאָליטישנ לעבנ פונעם לאנד איז באשטאנענ אינ דורכפירנ די פולע דעמאָקראַטיזירונג פונ דער וואל-סיסטעמ, אינ דעמ אריבערגאנג פונ באגרענעצנדיקע וואלנ צו אלגעמיינע, פונ ניט פולשטענדיק גלײַכע וואלנ — צו גלײַכע, פונ פילשטופיקע וואלנ — צו דירעקטע, פונ אָפענע וואלנ — צו פארמאכטע.

די נײַע וואל-סיסטעמ האָט באדארפט ברענגענ און האָט ווירקלעכ געבראכט צו דער פארשטארקונג פונ דער פּאָליטישער אקטיווקײַט פונ די מאסנ, צו דער פארשטארקונג פונעמ קאָנטראָל פונ די מאסנ בענעגייע די אָרגאנענ פונ דער ראטנמאכט, צו דער פארשטארקונג פונ דער פאראנטוואָרטלעכקײַט פונ די אָרגאנענ פונ דער ראטנמאכט פארנ פאָלק.

קעדיי צו באגעגענענ דעמ קער אינעמ פּאָליטישנ לעבנ פונעמ לאנד אינ דער פולער באוואָפענונג, האָט די פארטיי באדארפט זיכ שטעלנ בעראָש פונעמ דאָזיקנ קער און זיכערנ פולשטענדיק איר אָנפירנדיקע ראָליע אינ די פאָרשטייענדיקע וואלנ פונעמ אויבער-ראט פונ פססר און פונ די אויבער-ראטנ פונ די פארבאנדישע רעפּובליקנ. אָבער דערצו איז נייטיק געווענ, אז די פארטיי-אָרגאניזאציעס גופע זאָלנ ווערנ אינ זייער פראקטישער ארבעט ביזנ סאָפ דעמאָקראַטישע, אז זיי זאָלנ דורכפירנ פולשטענדיק אינ זייער אינערלעכ-פארטייִשנ לעבנ די יעסוידעס פונעמ דעמאָקראַטישנ צענטראליזמ, ווי דאָס פאָדערט דער פארטיי-סטאטוט, אז אלע פארטיי-אָרגאנענ זאָלנ זײַנ געווײלטע, אז די קריטיק און זעלבסטקריטיק זאָלנ זיכ אנטוויקלענ אינ דער פארטיי אינ דער פולער מאָס, אז די פאראנטוואָרטלעכקײַט פונ די פארטיי-אָרגאניזאציעס פאר דער פארטיי-מאסע זאָל זײַנ א פולע און אז די פארטיי-מאסע גופע זאָל זײַנ פולשטענדיק אקטיוויזירט.

אפנ פעוורואל-מארט-פּלענומ פונעמ צק איז קלאָר געוואָרנ, אז א גאנצע ריי פארטיי-אָרגאניזאציעס ברעכנ אפ שריט און טריט אינ זייער פראקטישער ארבעט דעמ פארטיי-סטאטוט און די יעסוידעס פונ דעמאָקראַטישנ צענטראליזמ, פארבײַטנדיק די געווײלטקײַט מיט קאָאָפּטאציע, די אָפשטימונג לויט באזונדערע קאנדידאטורנ — מיט דער אָפשטימונג לויט א צעטל אאוו. עס איז דעריבער נייטיק געווענ פריִער פאר אלצ ליקווידירנ די אנטידעמאָקראַטישע פראקטיק פונ די פארטיי-אָרגאניזאציעס און איבערבויענ די פארטיי-ארבעט אפנ גרונט פונ א פאנאנדערגעוויקלטער אינערלעכ פארטייישער דעמאָקראַטיע.

אינ וואָס באשטייט דער טאָכ פונ דער באָלשעוויסטישער אינערלעכ-פארטייִשער דעמאָקראַטיע? דער טאָכ פונ דער באָלשעוויסטישער אינערלעכ-פארטייִשער דעמאָקראַטיע באשטייט, ווי עס האָט וועגנ דעמ ניט איינ מאָל געלערנט דער כאווער סטאלינ, אינ דער פראגע וועגנ זעלבסטעטיקײַט, וועגנ דעמ אקטיווג אָנטייל פונ די פארטיי-מיטגלידער אינ דער פארטייִשער אָנפירונג. „אינערלעכ-פארטייִשע דעמאָקראַטיע באטײַט אויפהייבנ די אקטיווקײַט פונ די פארטייִשע מאסנ און דאָס

פּערספּעקטיװנ, די אײנהײט פונ דער פּאַרטײ, פּערספּעקטיװנ די באַװוּסטזיניקע פּראָ־לעטאַרישע דיסציפּלינ אינ דער פּאַרטײ",— אַזױ לערנט דער כאַװער סטאַלינ.

טאַקע צוליב די דאָזיקע צילנ האָט די פּאַרטײ ליקװידירט די פּאַלנ פונ ברעכנ די יעסוידעס פונעמ דעמאָקראַטישנ צענטראַליזמ, װאָס זײַנענ געװענ אינ דער פּראַקטיק פונ דער פּאַרטײ־אַרבעט, אונ האָט אופגעשטעלט, אינ העסקעמ מיטנ פּאַרטײ־סטאַטוט, די געװײלטקײַט פונ די אָנפירנדיקע אָרגאַנענ פונ די פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציעס.

די פּאַרטײ האָט דורכגעפירט אױכ אַ רײ צוגאָבלעכע מאָסמיטלענ, װאָס זיכערנ די דורכפירונג פונ אַ קאָנסעקװענטער דעמאָקראַטישער פּראַקטיק, נעמלעכ: דאָס אָפּשאַפנ די פּראַקטיק פונ קאָאָפּטאַציע, דאָס פאַרװערנ בא די װאַלנ פונ די פּאַרטײ־אָרגאַנענ צו שטימענ לױט אַ צעטל, דאָס אַריבערגײנ צו שטימענ לױט באַזונדערע קאַנדידאַטורנ, דאָס זיכערנ פאַר אַלע פּאַרטײ־מיטגלידער אומבאַגרענעצ־טע רעכט פונ אָפּװענדנ קאַנדידאַטנ אונ קריטיקירנ זײ, דאָס אײַנשטעלנ בא די װאַלנ פונ די פּאַרטײ־אָרגאַנענ פאַרמאַכטע (געהײמע) אָפּשטימונג פונ די קאַנדידאַטנ, דאָס אײַנשטעלנ די אָבליגאַטאָרישקײַט פונ צונויפרופנ פעריאָדיש שטאָטישע פּאַרטײ־אַקטיװנ, אונ אינ גרױסע שטעט — אױכ ראַיאָנע אַקטיװנ.

דער סטאַטוט דאַרפ אָפּשפּיגלענ די דאָזיקע נײַע מאָסמיטלענ פונ דער פּאַרטײ, װעלכע זײַנענ דורכגעקאָנטראָלירט געװאָרנ אינ דער פּראַקטיק, װעלכע האָבנ גע־זיכערט די װײַטערדיקע אַנטװיקלונג פונ דער קריטיק אונ זעלבסטקריטיק, דעמ אופשטײַג פונ דער פאַראַנטװאָרטלעכקײַט פונ די פּאַרטײ־אָרגאַנענ פאַר דער פּאַרטײ־מאַסע, דעמ װוּקס פונ דער אַקטיװקײַט פונ דער פּאַרטײ־מאַסע אונ װעלכע האָבנ דערמיט גופע מיטגעהאָלפנ צו באַװאָפענענ די פּאַרטײ אפּ צו לײזנ דערפאָלגרײַכ די נײַע אופגאַבנ פונ דער פּאָליטישער אָנפירונג.

עס איז באַװוּסט, אַז די װאַלנ אינ די אױבער־ראַטנ פונעמ פאַרבאַנד ססר אונ פונ די פאַרבאַנדישע רעפּובליקנ האָבנ באַװיזנ, אַז די פּאַרטײ האָט זיכ דער־שלאָגנ אַ פולשטענדיקנ זיג פונעמ בלאָק פונ די קאָמוניסטנ אונ די אומפּאַרטײִשע טאַקע אינ רעזולטאַט פונ איבערבױענ די פּראַקטיק פונ דער פּאַרטײ־אַרבעט אפּנ יע־סאָד פונעמ דורכפירנ אינ לעבנ די פּרינציפּנ פונ אינערלעכ־פּאַרטײִשנ דעמאָקראַ־טיזמ.

דאָס קאָנסעקװענטע דורכפירנ אינ לעבנ די דעמאָקראַטישע פּראַקטיק האָט געהאַט אַ פרוכטבאַרע װירקונג אפּנ גאַנצנ לעבנ פונ די פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציעס. דער סאַכאַקל פונעמ װוּקס פונ דער אַקטיװקײַט אונ באַװוּסטזיניקײַט פונ די פּאַרטײ־מיטגלידער, פונ זײער פאַראַנטװאָרטלעכקײַט פאַר דער זאַכ פונ דער פּאַרטײ איז די ערעװ־צוזאַמענפאָר־דיסקוסיע אונ די רעזולטאַטנ פונ די װאַלנ פונ די פּאַרטײ־אָרגאַנענ, װעלכע האָבנ דורכדעמאָנסטרירט דעמ אופבלי פונ פּאַרטײִשנ דעמאָ־קראַטיזמ. (אַ פּ לאָ די ס מ ע נ ט נ.) אפּ דעמ דאָזיקנ באָדנ האָבנ צומ באַטײליקנ זיכ אינעמ לעבנ פונ דער פּאַרטײ זיכ אופגעהױבנ קאָלאָסאַלע נײַע שיכטנ פּאַרטײ־מיטגלידער.

בײס די װאַלנ פונ די פּאַרטײ־אָרגאַנענ אינ 1938 יאָר האָט זיכ ברײט פאַ־נאַנדערגעװיקלט די קריטיק פונ דער טעטיקײַט פונ די פּאַרטײ־אָרגאַנענ, װעלכע האָבנ שװאַכ געאַרבעט. אינ רעזולטאַט פונ דער דאָזיקער קריטיק איז אָנערקענט

געוואָרנ פאַר ניט־צופרידנשטעליק די ארבעט פונ א גרויסער צאָל פּארטיי־קאָמיטעטנ אונ פּאַרטאָרגנ פונ די ערשטיקע פּארטיי־אָרגאניזאציעס, ראיקאָמענ פונ דער פּארטיי, שטאָטקאָמענ, געגנטקאָמענ אונ קאנטקאָמענ.

בײַ די וואלנ אינ 1938 יאָר זײַנענ אינ די אָנפירנדיקע פּארטיי־אָרגאנענ ארויסגערוקט געוואָרנ פיל נײַע טוער, דערבײַ איז דער גרעסטער טייל טוער צומ ערשטנ מאָל אויסגעווײלט געוואָרנ אינ אָנפירנדיקע פּארטיי־אָרגאנענ. דאָס איז יונגוואַרג. סאַכאַקל זײַנענ צומ ערשטנ מאָל אויסגעווײלט געוואָרנ 35% מיטגלידער פונ פּארטיי־קאָמיטעטנ פונ די ערשטיקע פּארטיי־אָרגאניזאציעס, 41% פונעמ באַשטאַנד פונ די ראיקאָמענ, 46% פונעמ באשטאנד פונ די שטאָטקאָמענ, 60% פונעמ באשטאנד פונ די געגנטקאָמענ, קאנטקאָמענ אונ צק פונ די נאצקאָמפּארטייענ.

די באריכט־מאטעריאלנ פונ די אָרטיקע פּארטיי־אָרגאניזאציעס באַווײַזנ, אז אינעמ באהאנדלענ די טעזיסנ צומ XVIII פּארטיי־צוזאמענפאָר האָבנ אפ די פּארטיי־פארזאמלונגענ אָנטײלגענומענ העכער 2 מיליאָנ מיטגלידער אונ קאנדידאטנ פונ דער פּארטיי. ארומ א מיליאָנ קאָמוניסטנ זײַנענ ארויסגעטראָטנ אינ די דעבאטנ אפ די דאָזיקע פארזאמלונגענ. (אפּלאָדיסמענטנ.)

כאַווײרימ, אזא דיסקוסיע, ווי עס איז געווענ פארנ XVIII צוזאמענפאָר, האָט אונדזער פּארטיי נאָכ קיינמאָל ניט געהאט. די דאָזיקע דיסקוסיע איז דורכגעגאַנגענ אינ דער אומגעבונג פונ אויסערגעוויינלעכער באהעפטונג אונ איינהײַט פונ אונדזער פּארטיי, אינ דער אומגעבונג פונ אויסשליסלעכנ וווקס פונ דער אקטיווקײַט פונ די פּארטיי־מיטגלידער.

יעדערער, וואָס האָט אָנטײלגענומענ אינ דער דיסקוסיע, האָט ארײַנגעטראָגנ זײַנע אויסבעסערונגענ אונ פאָרשלאָגנ פונעמ שטאנדפּונקט צו העלפנ דער פּארטיי, פונעמ שטאנדפּונקט צו פארשטארקנ די אלגעמיינ־פּארטײַישע זאַכ.

די רעזולטאטנ פונ דער דיסקוסיע באשטעטיקנ, אז מיר לעבנ איצט איבער אַנ אופבלי פונ דער אינערלעכ־פּארטײַישער דעמאָקראטיע, א ניט געוועזענעמ אופשטײַג פונ אקטיווקײַט אונ זעלבסטעטיקײַט פונ די פּארטיי־מיטגלידער.

די ארבעט, וואָס די פּארטיי האָט דורכגעמאכט אפנ גרונט פונ די באַוווּסטע באשלוסנ פונעמ פעווראל־מארט־פּלענומ פונעמ צק אינ 1937 יאָר אונ פונ די אָנווײַזונגענ, וואָס דער כאַווער סטאלינ האָט געגעבנ דער פּארטיי אפ דעמ דאָזיקנ פּלענומ, האָט געגעבנ אירע גינסטיקע רעזולטאטנ. עס האָט זיכ געהעכערט אונ פארפעסטיקט דער געפיל פונ פארבינדונג פונ יעדנ פּארטיי־מיטגליד מיט דער פּארטיי אונ מיט איר ארבעט: יעדער פּארטיי־מיטגליד האָט זיכ אָנגעהויבנ פילנ אלס א פולווערטיקער איינס, וואָס איז פארבונדנ מיטנ אלגעמיינעמ קאָלעקטיוו פונ דער פּארטיי אונ וואָס איז פאראנטוואָרטלעכ פארנ אלגעמיינעמ, פארנ גאנצנ. דאָס איז דער וויכטיקסטער אונ ווערטפולסטער רעזולטאט פונ דער אנטוויקלונג פונ דער אינערלעכ־פּארטײַישער דעמאָקראטיע.

אונ דאָס צווייטע, וואָס איז ניט ווייניקער וויכטיק אונ וואָס מיר דארפנ אויכ פארצייכענענ אלס סאכאקל פונ דער אנטוויקלונג פונ דער פּארטיי אינ די לעצטע יאָרנ,—איז דאָס, וואָס עס האָבנ זיכ פארפעסטיקט נײַע באציִונגענ צווישנ די אָנפירער אונ די מאסנ: עס איז אומגעהייער אויסגעוואַקסנ דער צוטרוי פונ די מאסנ צו די אָנפירער אונ זייער קעגנזײַטיקע פארבינדונג אונ נאָענטקײַט. די

מאסע איז געווינט צו באטראכטנ די אָנפירער אלס אירע שליכים, לייבלעכע אונ נאָענטע צו איר, וועלכע זיינענ, צוזאמענ דערמיט, פאראנטוואָרטלעכ פאר דער פארטיי, פאר דער מאסע, פארנ פאָלק. דאָס איז דער צווייטער ווערטפולסטער סאכאקל פונ דער ארבעט פונ דער פארטיי אינ די לעצטע יאָרנ. (שטורמישע אפלאָדיסמענטנ.)

דער אויספיר: די איבערבויונג פונ דער פארטייִש־פּאָליטישער ארבעט אפנ יעסאָד פונ קאָנסעקווענטנ דורכפירנ אינ לעבנ די יעסוידעס פונ דער באָלשעוויסטישער אינערלעכ־פּארטייִשער דעמאָקראטיע האָט פארפעסטיקט די מעכטיקייט פונ אונדזער פארטיי. די פארטיי געפינט זיכ אפנ וועג צו דער פולער אקטיוויזירונג פונ דער פארטיי־מאסע, אונ דאָס איז דער וויכטיקסטער באדינג פאר דעם, אז די פארטיי אינגאנצנ גענומענ אונ יעדער קאָמוניסט באזונדער זאָלנ פארווירקלעכנ זייער אוואנגארד־ראָליע אינ די מאסנ, אונ, אלזאָ, אויכ פאר די ווייטערדיקע זיגנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג.

די פארטיי וועט אויכ ווייטער אנטוויקלענ אונ זיכערנ די אינערלעכ־פּארטייִשע דעמאָקראטיע, אלס מיטל צו העכערנ די אקטיווקייט אונ זעלבסטעטיקייט פונ די פארטיי־מיטגלידער, אלס מיטל די פארטיי אָפּצורייניקנ פונ פיינטלעכער פאסקודסטווע אונ פונ אויסוווּרפנ. (דויערנדיקע אפלאָדיסמענטנ.)

וועגנ צוקלייבנ קאדרענ, קאָנטראָלירנ די אויספילונג, ארויסרוקנ נייע קאדרענ פארטיי־טוער

איכ גיי אריבער צו די פראגנ פונ איבערבויענ דעם פארטיי־אפּאראט, פונ צוקלייבנ קאדרענ אונ קאָנטראָלירנ די אויספילונג.

דער כאווער סטאלינ האָט אינ זיינ באריכט־פאָרטראָג אפ אונדזער צוזאמענפאָר געגעבנ אויסשעפּנדיקע דעפיניציעס פונ דער באדייטונג פונ קאדרענ אונ פונ ריכטיקנ צוקלייבנ זיי.

„ריכטיק צוקלייבנ קאדרענ באטייט:

ערשטנס, שעצנ די קאדרענ, אלס דעם גאָלדענעם פאָנד פונ דער פארטיי אונ פונ דער מעלוכע, האלטנ זיי טייער, האָבנ צו זיי אכטונג.

צווייטנס, קענענ די קאדרענ, זאָרגזאם דערלערנענ די מיילעס אונ כעסרוינעס פונ יעדנ קאדראָווענ טוער, וויסנ אפ וואָס פאר א פּאָסטנ עס קאָנענ לייכטער פאר אלצ זיכ פאנאנדערוויקלענ די פייִקייטנ פונעם טוער.

דריטנס, זאָרגעוודיק כאָווענ די קאדרענ, העלפנ יעדנ וואקסנדיקנ טוער אופהייבנ זיכ ארופ, ניט זשאלעווענ קיינ צייט צוליב דעם, קעדיי געדולדיק „זיכ אנ אייסעק טאָנ" מיט אזוינע טוער אונ פארשנעלערנ זייער וווּקס.

פערטנס, רעכטצייטיק אונ דרייסט ארויסרוקנ נייע, יונגע קאדרענ, ניט לאָזנדיק זיי איבערגעשטאנענ ווערנ אפנ אלטנ אָרט, ניט לאָזנדיק זיי פארזייערט ווערנ.

פינפטנס, פאנאנדערשטעלנ די טוער אפ די פּאָסטנס אפ אזא אופנ, אז יעדער טוער זאָל זיכ פילנ אפנ אָרט, אז יעדער טוער זאָל קאָנענ געבנ

אונדזער אלגעמיינער זאכ דעם מאקסימום דערפונ, וואָס ער איז ביכלאל פייִק צו געבנ לויט זײַנע פערזענלעכע אייגנשאפטנ, אז די אלגעמיינע ריכטונג פונ דער ארבעט באם פאנאנדערשטעלנ די קאדרענ זאָל פולשטענדיק אנטשפּרעכנ די פאָדערונגענ פונ דער פּאָליטישער ליניע, אינ נאָמענ פונ וועלכער עס ווערט געמאכט די דאָזיקע פאנאנדערשטעלונג”.

ווײַטער האָט דער כאווער סטאלינ אָנגעוויזנ, אינ וואָס עס באשטייט איצט די אופגאבע פונ דער פארטיי בענעגייע דעם ריכטיקנ צוקלײַב פונ קאדרענ.

„די אופגאבע באשטייט דערינ, אז מע זאָל ארײַנעמענ פולשטענדיק אינ איינע הענט די זאכ פונ צוקלײַבנ קאדרענ פונ אונטנ ביז ארופ אונ אופהייבנ זי אפ דער געהעריקער, וויסנשאפטלעכער, באָלשעוויסטישער הייכ.

דערצו איז נייטיק א סאָפ מאכנ צום צעשפּליטערנ די זאכ פונ דערלערנענ, ארויסרוקנ אונ צוקלײַבנ קאדרענ איבער פארשיידענע אָפּטיילנ אונ סעקטאָרנ, קאָנצענטרירנדיק זי אינ איינ אָרט.

אזא אָרט דארפ זײַנ די פארוואלטונג פונ קאדרענ אינעם באשטאנד פונעם צק אלקפּ(ב) אונ דער אנטשפּרעכיקער קאדרענ־אָפּטייל אינעם באשטאנד פונ יעדער רעפּובליקאנישער, קאנטישער אונ געגנטלעכער פארטיי־אָרגאניזאציע”.

פונ דעם דאָזיקנ שטאנדפּונקט האָט זיכ די עקזיסטירנדיקע אָרגאניזירונג פונעם פארטיי־אפּאראט ארויסגעוויזנ פאר א ניט־גענוגנדיקער.

אינ העסקעמ מיטנ פארטיי־סטאטוט זײַנענ צוליב דער פּראקטישער ארבעט פונ פארווירקלעכנ די פארטיי־באשלוסנ אונ באשטימונגענ אונ אפ דורכקאָנטראָלירנ, ווי זיי ווערנ אויסגעפּילט דורכ די סאָוועטיש־ווירטשאפטלעכע אָרגאנענ אונ אונטערשטע פארטיי־אָרגאניזאציעס, אָרגאניזירט געוואָרנ אינ די געגנטקאָמענ, קאנטקאָמענ, צק פונ די נאצקאָמפּארטייענ אונ אינעם צק אלקפּ(ב) פּראָדוציר־צווײַג־אָפּטיילנ. מע האָט גערעכנט, אז אינ די פּראָדוציר־צווײַג־אָפּטיילנ וועט קאָנצענטרירט ווערנ די ארבעט אינגאנצנ גענומענ פונ דעם געגעבענעם צווײַג, דה. די אָרגאניזאציאָנעל־פּארטיייִשע ארבעט, די צוגרייטונג אונ פארטיילונג פונ די קאדרענ, די אגיטאציאָנעל־מאסעווע ארבעט, די פּראָדוציר־פּראָפּאגאנדע, דאָס אכטונג געבנ אפ דעם, וויאזוי די אנטשפּרעכיקע סאָוועטישע, ווירטשאפטלעכע אָרגאנענ אונ פארטיי־אָרגאניזאציעס פּילנ אויס די פארטיי־באשלוסנ.

די כעסרוינעס פונ דער עקזיסטירנדיקער אָרגאניזירונג פונ דער זאכ זײַנענ באשטאנענ אינ דעם, וואָס דער צוקלײַב פונ קאדרענ, וואָס פאָדערט א ריכטונג פונ איינ צענטער, — ווײַל די ארבעט פונ צוקלײַבנ קאדרענ איז פארבונדנ מיט דער נייטיקײַט צו קאָנצענטרירנ אינ איינ אָרט די גאנצע דערפארונג אונ דאָס גאנצע קענענ די קאדרענ, — דערינ באשטייט נאָקע די קונסט פונ באָלשעוויסטישער אָנפירונג, — די ארבעט פונ צוקלײַבנ קאדרענ האָט זיכ ארויסגעוויזנ צעשפּליטערט צווישנ די פילצאָליקע פּראָדוציר־צווײַג־אָפּטיילנ. דאָס האָט געבראכט צום ניט־ריכטיקנ אויסנוצנ די קאדרענ, צו דער אָפּוועזנהײַט פונ איינהײַטלעכע מעטאָדנ פונ דערלערנענ די קאדרענ, אונ, הייסט עס, צו דורכרײַסנ לויט דער ליניע פונ צוקלײַבנ מענטשנ. די צעשפּליטערונג פונעם צוקלײַבנ קאדרענ צווישנ די פארשיידענע פּראָדוציר־צווײַג־אָפּטיילנ האָט געבראכט אויכ צו א קינסטלעכער פאנאנדערגרענעצונג פונ די קאדרענ לויט באזונדערע פּאָליצעס אונ אמטנ, אינ

דער צײַט, װען אַ ריכטיקער צוקלײַב פֿון די קאַדרען פֿאָדערט געניטע און בײַ־געװױדיקע מאַנעװרירונג.

פֿיל פֿון אײַך, כאַװײרים, װײסן פֿון דער אײגענער פּראַקטיק, װי צעשפּלי־טערט און צעבראָקלט עס איז בא אונדז די אַרבעט פֿון צוקלײַבן קאַדרען. אין די געגנטקאָמען און קאָנטקאָמען עקזיסטירן אינדוסטריעלע אָפּטײלן, אָפּטײלן פֿון סאָװעטישן האַנדל, קולטור־אױפֿקלערערישע און אַנדערע. צװישן די דאָזיקע אָפּטײלן גײט אַ קאַמף און אַ סיכסעך פֿאַר דעם אָדער אַנדערן טוער. דאָס שפּיגלט זיך שעדלעך אָפּ אױף דער זאַך פֿון דערלערנען, צוקלײַבן און אַרױסרוקן קאַדרען.

צװעקמעסיק אױסנוצן די טוער אין העסקעם מיט די באַדערפֿענישן פֿון דער אַרבעט און מיט די פֿײַיקײַטן פֿון די מענטשן איז אומעגלעך אין די ראַמען פֿון פֿונקציאָנעלער צעדרױבלונג פֿון דער אַרבעט פֿון צוקלײַבן קאַדרען.

די דערפֿאַרונג באַװײַזט, אַז אַזאַ אָרגאַניזירונג פֿונעם פּאַרטײ־אַפּאַראַט קאָן אונדז ניט צופֿרידנשטעלן.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז טאַקע אַנטשטאַנען די נײטיקײַט צו שאַפֿן אײ־נעם צענטראַליזירטן אַפּאַראַט פֿאַר קאַדרען — אַ קאַדרען־פֿאַרװאַלטונג, װאָס איז פֿײַיק ריכטיק, אױף אַ װיסנשאַפֿטלעכן אופֿן, װי עס זאָגט דער כאַװער סטאַלין, צו לײזן די אױפֿגאַבן פֿון צוקלײַבן און פֿאַרטײלן די קאַדרען, אױסטײלנדיק די פֿראַגן פֿון פּאַרטײיש־אָרגאַניזאַציאָנעלער אָנפֿירונג אין אַ ספּעציעלן אָרגאַניזאַציאָ־נעל־אינסטרוקטאָרישן אָפּטײל.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט פֿאַר די לעצטע צװײ יאָר שױן פֿאָרגענומען אין דער דאָזיקער ריכטונג אַ רײ מיטלען, װאָס זײַנען באַשטאַנען דערין, אַז די אַרבעט פֿון צוקלײַבן און אַרױסרוקן אָנפֿירנדיקע קאַדרען זאָל ניט נאָר לױט דער ליניע פֿון די פּאַרטאָרגאַנען, נאָר אױך לױט דער ליניע פֿונעם סאָװעטיש־װירט־שאַפֿטלעכן אַפּאַראַט, לױט אַלע פֿאָלקאָמאַטן, אַלץ מער און מער צענטראַ־ליזירט װערן אין דעם איצטיקן אָרפּאָ פֿונעם צק.

דאָס דאָזיקע איבערבױען די אַרבעט פֿון צוקלײַבן, דערלערנען און פֿאַרטײלן די קאַדרען איז נײטיק דורכצופֿירן אין גײַסט פֿון די אָנװײַזונגען, װאָס דער כאַװער סטאַלין האָט געגעבן אין נעם באַריכט־פֿאָרטראָג װעגן דער אַרבעט פֿונעם צק אַלקפּ(ב) אױפֿן XVIII פּאַרטײ־צוזאַמענפֿאָר.

װײַטער, װאָלט איך געװאָלט אָפּשטעלן זיך נאָך אױף אײן ענדערונג אינעם סטאַטוט, װאָס װערט אַרײַנגעטראָגן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט צו באַהאַנדלען אױפֿן XVIII פּאַרטײ־צוזאַמענפֿאָר. איך האָב אין זינען דעם פֿאָרשלאָג װעגן פֿאַרקלע־נערן דעם פּאַרטײ־סטאַזש, װאָס עס פֿאָדערט זיך פֿון די כאַװײרים, װעלכע װערן אַרױסגערוקט אױף אָנפֿירנדיקער פּאַרטײ־אַרבעט — פֿאַר סעקרעטאַרן פֿון געגנטקאָ־מען, שטאָטקאָמען, ראַיקאָמען אאַװ. דער צק לײגט פֿאָר צו ענדערן דעם דאָזיקן פּונקט פֿונעם פּאַרטײ־סטאַטוט אַזױ, אַז עס זאָל פֿאַרקלענערט װערן דער פּאַרטײ־סטאַזש, װאָס פֿאָדערט זיך, אַרױסגײענדיק דערבײַ פֿון דער אױפֿגאַבע צו שאַפֿן די נײטיקע באַדינגונגען פֿאַר אַרױסרוקן אױף אָנפֿירנדיקער פּאַרטײ־אַרבעט נײַע קאַדרען פּאַרטײ־טוער.

דער דאָזיקער פֿאָרשלאָג האָט אַ גרױסע פּרינציפּיעלע און פּראַקטישע באַ־דײַטונג.

דער כאַווער סטאַלינ האָט אינ זײַנ פּאָרטראָג אפ אונדזער צוזאַמענפאָר מיט גענ׳אַלער קלאָרקײַט פאָרמולירט די אופגאַבע פונ אַרויסרוקנ נײַע קאַדרעַנ.

„די אופגאַבע, — ווי עס האָט געזאָגט דער כאַווער סטאַלינ, — באַשטייט ניט דערינ, אַז מע זאָל זיכ אָריענטירנ אָדער אפ די אַלטע, אָדער אפ די נײַע קאַדרעַנ, נאָר דערינ, אַז מע זאָל האַלטנ אַ קורס אפ צונויפּ־ּאָרנ, אפ פאַרייניקנ די אַלטע אונ יונגע קאַדרעַנ אינ איינ אַלגעמיינעמ אָרקעסטער פונ דער אָנפירנדיקער אַרבעט פונ דער פּאַרטיי אונ פונ דער מעלוכע”.

אָט פאַרוואָס עס איז נייטיק באַצײַטנס אונ דרייסט אַרויסרוקנ יונגע קאַדרעַנ אפ אָנפירנדיקע פּאָסטנס.

טאַקע באַצײַטנס אונ דרייסט אַרויסרוקנדיק יונגע קאַדרעַנ אפ אָנפירנדיקע פּאָסטנס, האָט אונדזער פּאַרטיי באַוויזנ צו דערשלאָגנ זיכ איינע פונ די סאַמע ערנסטע דערגרייכונגענ — אַרויסרוקנ אפ אָנפירנדיקער מעלוכישער אונ פּאַרטייִשער אַרבעט העכער אַ האַלבנ מיליאָנ יונגע באָלשעוויקעס — פּאַרטייִשע אונ וואָס שליסנ זיכ אָנ צו דער פּאַרטיי.

עס איז נייטיק אָנצווײַזנ, אַז עס האָט זיכ פאַרבעסערט דער קוואַליטאַטיווער באַשטאַנד פונ אונדזערע אָנפירנדיקע קאַדרעַנ. אינעמ באַשטאַנד פונ די פּאַרטיי־קאַדרעַנ האָבנ זיכ איצט באַוויזנ ניט ווייניק מענטשנ מיט העכער בילדונג, מענטשנ קולטורעלע, באַהאַוונטע, געבילדעטע.

אייניקע אָנגאַבנ וועגנ די אָנפירנדיקע פּאַרטיי־קאַדרעַנ

	סאַכאַקל	האָבנ הויכע, ניט־פאַרענדיקטע הויכע אונ מיטעלע בילדונג	אַרבעטער לויט דער סאָצ. לאַגע ביז דער אַרויסרוקונג	מענטשנ אינ עלטער ביז 40 יאָר	מענטשנ אינ עלטער פונ 31 ביז 35 יאָר	לויטנ פּאַרטיי־סטאַזש פונ 1924 יאָר אונ שפּעטער
באַשטאַנד פונ די סעקרעטאַרנ פונ די געגנטקאָמענ, קאַנטקאָמענ אונ צק פונ די נאַצקאָמפּאַרטייענ . . .	333	196 / 58,9	175 / 52,6	303 / 91	177 / 53,2	268 / 80,5
באַשטאַנד פונ די סעקרעטאַרנ פונ די ראַיקאָמענ, שטאָטקאָמענ אונ קרײַזקאָמענ פונ דער פּאַרטיי . . .	10 902	3115 / 28,6	5248 / 48,1	10 020 / 92	5649 / 52,7	10 193 / 93,5
באַשטאַנד פונ די פאַרוואַלטערס מיט די אָפּטיילנ פונ די געגנטקאָמענ, קאַנטקאָמענ, צק פונ די נאַצקאָמפּאַרטייענ	510	327 / 64,1	231 / 45,3	469 / 92	263 / 51,6	431 / 84,5

אָנמערקונג: 1. דער דײַטער באַווײַזט די פּראָצענטנ.

2. די הויפּט־מאַסע, וואָס האָט באַקומענ הויכע בילדונג, פאַלט אויס אפ די, וואָס האָבנ געענדיקט הויכשולנ אונ טעכנישע הויכשולנ אינ 1934—1936 אונ אינ 1937—1938.

אויב מיט עטלעכע יאָר צוריק פלעגט מען אויסמײַדן אַרויסצורוקן אַפ אָנפירנדיקער פּאַרטיי־שער אַרבעט מענטשן געבילדעטע און יוגנטלעכע, און די שעדיקער האָבן פּאַשעט געשטיקט די יונגע קאַדרען, ניט לאָזנדיק זיי אופהייבן זיך אַרופ, איז דער סאַמע גרעסטער זיג פון דער פּאַרטיי דאָס, וואָס דער פּאַרטיי האָט זיך אײַנגעגעבן, פּאָטער־ווערנדיק פון די שעדיקער, אָפּראַמען דעם וועג פאַר דער אַרויסרוקונג פון די קאַדרען, וואָס זײַנען אויסגעוואַקסן אין דעם לעצטן פּעריאָד, און אַוועקשטעלן זיי אַפ אָנפירנדיקער אַרבעט. דערין איז די גאַראַנטיע פון דער קראַפט און פון דער אומבאַזיגבאַרקײַט פון אונדזער פּאַרטיי. (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן.)

* *
*

פאַר א ניט־גענוגנדיקער האָט זיך אַרויסגעוויזן אויך די פּראַקטיק פון קאָנטראָלירן די אויספילונג פון די פּאַרטיי־דירעקטיוון, וועלכע איז צעדרויבלט צווישן פאַרשיידענע פּראָדוציר־צווײַג־אָפּטיילן. די דאָזיקע אַרבעט איז נייטיק אויך צענטראַליזירן אין איין אָרט, ענדערנדיק אין העסקעם דערמיט דעם כאַראַקטער פון דער טעטיקײַט פון דער קפּק. דער פּאַרטיי־קאָנטראָל דאַרפ זײַן אַן עפעקטיווער, ער דאַרפ באַצײַטנס וואָרענען פון פעלערן.

ריכטיקער קאָנטראָל זעצט פאָרויס ניט נאָר די דורכקאָנטראָלירונג פון דער אויספילונג פון די דירעקטיוון, נאָר אויך די דורכקאָנטראָלירונג פון דער ריכטיקײַט פון די אָדער אַנדערע דירעקטיוון, די נייטיקײַט צו פאַרבעסערן זיי מיט אַנדערע.

דער כאַווער סטאַלין האָט פיל מאָל און אקשאָנעסדיק געהאַלטן אין איין דערקלערן אונדז, אַז

„אָנפירן — באַטײַט נאָך ניט שרײַבן רעזאָליוציעס און פאַנאַנדערשיקן דירעקטיוון. אָנפירן — באַטײַט קאָנטראָלירן די אויספילונג פון די דירעקטיוון, און ניט נאָר די אויספילונג פון די דירעקטיוון, נאָר אויך די דירעקטיוון גופע, זייער ריכטיקײַט אָדער זייער פעלערהאַפטיקײַט. עס וואָלט געווען לעכערלעך צו מיינען, אַז אַלע אונדזערע דירעקטיוון זײַנען ריכטיק אַפ אַלע 100%. דאָס פאַסירט ניט און קאָן ניט פאַסירן, כאַווירים. די קאָנטראָלירונג פון דער אויספילונג באַשטייט גראָד אין דעם, אַז אונדזערע טוער זאָלן דורכקאָנטראָלירן אינעם פײַער פון דער פּראַקטישער דערפאַרונג ניט נאָר די אויספילונג פון אונדזערע דירעקטיוון, נאָר אויך די ריכטיקײַט פון די דירעקטיוון גופע. (אונטערגעשטראָכן פון מיר. — א. זשד.) דעריבער באַטײַטן די בלויזן אין דעם דאָזיקן געביט בלויזן אין אונדזער גאַנצער אָנפירונג" (סטאַלין, וועגן דער אַרבעט פונעם פאַרייניקטן אַפּרעל־פּלענום פונעם צק און צקק, 1928 י.).

די קאָנטראָלירונג פון דער אויספילונג איז דאָס וויכטיקסטע מיטל קעגן דער פאַרגליווערטקײַט אין דער אַרבעט, קעגן דעם שימל. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע מיטל צו ניט דערלאָזן שעדיקערײַ. דאָרט, ווו עס איז ריכטיק אַוועק־

געשטעלט די קאָנטראָלירונג פונ דער אויספילונג, — איז דער שעדיקער פאראליזירט.

די אופגאבע צו פארשטארקנ דעמ קאָנטראָל איבער דער אויספילונג פונ די פארטיי־דירעקטיוונ ווערט די צענטראלע אופגאבע פונ דער קאָמיסיע פונ פארטיי־קאָנטראָל.

ארויסגייענדיק דערפונ, איז נייטיק איינצושטעלנ, אז די קפק ארבעט באמ צק אלקפ(ב). אינ צוזאמענהאנג דערמיט פאלט אָפ די נייטיקייט פונ אויסוויילנ די קפק אומיטלבאר אפנ פארטיי־צוזאמענפאָר. די קפק דארפ אויסגעוויילט ווערנ דורכנ פלענומ פונעמ צענטראל-קאָמיטעט אונ ארבעטנ אונטער דער אָנפירונג אונ לויט די דירעקטיוונ פונעמ צק אלקפ(ב).

וועגנ ליקווידירנ די טעאָרעטישע אונ פאָליטישע אָפגעשטאנענקייט פונ די קאדרענ

דער כאווער סטאלינ האָט אינ זיינ פאָרטראָג געשטעלט מיט דער גאנצער שארפקייט אונ דייטלעכקייט די אופגאבנ אינ געביט פונ פארטיי־פּראָפאגאנדע, אינ געביט פונ דער מארקסיסטיש־לענינישער דערציִונג פונ די קאדרענ.

ער האָט געזאָגט:

„מע קאָנ צופרידנשטעליק אוועקשטעלנ די זאכ פונ רעגולירנ דעמ פארטיי־באשטאנד אונ דערנעענטערנ די אָנפירנדיקע אָרגאנענ צו דער אונטערשטער ארבעט; מע קאָנ צופרידנשטעליק אוועקשטעלנ די זאכ פונ ארויסרוקנ קאדרענ, פונ צוקלייבנ זיי, פאנאנדערשטעלנ זיי; נאָר אויב בא דעמ אלעמ הייבט אָנ איבער עפעס־וואָס צו הינקענ אונדזער פארטייִשע פּראָפאגאנדע, אויב עס הייבט אָנ צאנקענ די זאכ פונ דער מארקסיסטיש־לענינישער דערציִונג פונ אונדזערע קאדרענ, אויב עס ווערט אָפגעשוואכט אונדזער ארבעט פונ העכערנ דעמ פאָליטישנ אונ טעאָרעטישנ ניוואָ פונ די דאָזיקע קאדרענ, אונ די קאדרענ גופע הערנ אופ אינ צוזאמענהאנג דערמיט צו אינטערעסירנ זיכ מיט דער פערספעקטיוו פונ אונדזער באוועגונג פאָרויס, הערנ אופ צו פארשטיינ די גערעכטקייט פונ אונדזער זאכ אונ ווערנ פארוואנדלט אינ פערספעקטיוולאָזע געשעפטמאכער, וואָס פילנ אויס בלינד אונ מעכאניש די אָנווייזונגענ פונ אויבנ, — דאנ מוז אומבאדינגט נעמענ צאנקענ אונדזער גאנצע מעלוכישע אונ פארטייִשע ארבעט. מע דארפ אָנערקענענ, אלס אקסיאָמע, אז וואָס העכער עס איז דער פאָליטישער ניוואָ אונ די מארקסיסטיש־לענינישע באוווסטזיניקייט פונ די טוער פונ יעטווידנ צווייג פונ דער מעלוכישער אונ פארטייִשער ארבעט, אלצ העכער אונ פרוכטבארער איז די ארבעט גופע, אלצ עפעקטיווער זיינענ די רעזולטאטנ פונ דער ארבעט, אונ פארקערט, — וואָס נידעריקער עס איז דער פאָליטישער ניוואָ אונ די מארקסיסטיש־לענינישע באוווסטזיניקייט פונ די טוער, אלצ ווארשיינלעכער זיינענ די דורכפאלנ אונ די דורכפאלנ אינ דער ארבעט, אלצ ווארשיינלע־

כער איז די פארקלײנלעכונג און די דעגענערירונג פון די טוער גופא אין נעבעכדיקע געשעפטמאכער, אלץ װאָרשײַנלעכער איז זײער איבערגעבורט".

דער כאװער סטאלין האָט אָנגעװיזן, אז מיר האָבן אלע מיטלען און מעגלעכקײַטן, װעלכע זײַנען נײטיק, אפ צוגרײטן אונדזערע קאדרען אידעאָלאָגיש און פארהארטעװען זײ פּאָליטיש, און אז פון דעם הענגט אָפּ אפ נײַן צענטל די לײזונג פון אלע אונדזערע פראקטישע אופגאבן.

די אופגאבע פון ליקװידירן דאָס טעאָרעטישע און פּאָליטישע אָפּשטײן פון די פּארטײ-קאדרען, די אופגאבע פון באװאָפענען די פּארטײ-מיטגלידער מיט דער מארקסיסטיש-לעניניסטישער טעאָריע און באהערשן דעם באָלשעװיזם פאָדערט אופהײבן אפ א געהעריקן ניװאָ דעם געביט פון פּארטײ-פּראָפּאגאנדע און אגיטאציע, אין העסקעם מיטן באשלוס פונעם צק „װעגן דער אװעקשטעלונג פון דער פּארטײ-פּראָפּאגאנדע אין צוזאמענהאנג מיטן ארויסלאָזן דעם „קורצן קורס געשיכטע פון דער אלקפּ(ב)", װי אויך מיט די אָנװײַזונגען, װעלכע עס האָט געגעבן אפ אונדזער צוזאמענפאָר װעגן דער דאָזיקער פראגע אין זײַן פאָרטראָג דער כאװער סטאלין.

די אופגאבע פון באהערשן דעם באָלשעװיזם דרינגט ארויס דירעקט פון די אופגאבן פון דעם איצטיקן עטאפּ פון דער סאָציאליסטישער בויונג.

קעדײ דערפאָלגרײַך פארװירקלעכן די גרונט-אופגאבע פונעם דריטן פינפיאָר, די אופגאבע פון קאָמוניסטיש דערציען די ארבעטנדיקע, די אופגאבע פון בײַקומען די איבערבלײַבעכצן פון קאפּיטאליזם אינעם באװוסטזײַן פון די מענטשן, קעדײ דערפאָלגרײַך לײזן די פּראקטישע פּראגן פון דער סאָציאליסטישער בויונג, קעדײ צו זײַן אונטערגעשמידט אינעם קאמף קעגן דער קאפּיטאליסטישער ארומרינגלונג און איר אגענטור, דארפן אונדזערע קאדרען זײַן באװאָפנט מיט טעאָריע, דה. מיטן קענען די געזעצן פון דער געזעלשאפטלעכער אנטװיקלונג און פונעם פּאָליטישן קאמף.

די גרונט-כעסרוינעס פון דער פּארטײ-פּראָפּאגאנדע זײַנען פאָרמולירט אין דעם באװוסטן באשלוס פונעם צק. אין דעם דאָזיקן באשלוס זײַנען אָנגעװיזן געװאָרן אויך די מיטלען פון איבערבויען די פּארטײ-פּראָפּאגאנדע אין צוזאמענהאנג מיטן ארויסלאָזן דעם „קורצן קורס געשיכטע פון דער אלקפּ(ב)".

איצט האָט זיך אָנגעהויבן די איבערבויונג פון דער פּראָפּאגאנדיסטישער ארבעט. די ערשטע שריט פון דער דאָזיקער איבערבויונג באװײַזן, אז דאָס דערשײַנען פונעם „קורצן קורס געשיכטע פון דער אלקפּ(ב)" און דער באשלוס פונעם צק האָבן געגעבן א מעכטיקן שטויס צום אופהײבן די גאנצע אידײיש-פּאָליטישע ארבעט אפ א נײַער שטופע. צום דערלערנען דעם מארקסיזם-לעניניזם, צום שטודירן דעם „קורצן קורס געשיכטע פון דער אלקפּ(ב)" האָבן זיך א נעם געטאָן מיליאָנען מענטשן. דאָס איז א ביז גאָר גרויסער זיג פון אונדזער פּארטײ. דער „קורצער קורס געשיכטע פון דער אלקפּ(ב)" אין דער רוסישער שפּראך איז זיך פאנאנדערגעגאנגען אין א טיראזש בא 12 מיליאָן עקזעמפּליארן (רוישיקע אפּלאָדיסמענטן), און אויך אפ אנדערע שפּראכן פון די פעלקער פון פּססר בא 2 מיליאָן עקזעמפּליארן. דער „קורצער קורס געשיכטע פון דער אלקפּ(ב)" איז איבערגעזעצט געװאָרן אפ 28 אויסלענדישע

שפּראַכן, און ער איז שוין אַרויסגעגעבן אין אַ צאָל פון העכער 673 טויזנט עקזעמפּלאַרן. מע דאַרף זאָגן אָפן, אַז פאַר דער צײַט, זינט עס עקזיסטירט דער מאַרקסיזם, איז דאָס דער ערשטער מאַרקסיסטישער בוך, וואָס האָט באַקומען אַזאַ ברייטע פאַרשפּרייטונג. (אַפּלאָדיסמענטן.)

די פּאַרטיי־קאַדרען האָבן זיך אַ נעם געטאָן פאַר זעלבשטענדיקער לערע. דער נאָכפרעגע אויף מאַרקסיסטיש־לענינישער ליטעראַטור איז קאָלאָסאַל אויסגע־וואַקסן. צו דער פּראָפּאַגאַנדע פון מאַרקסיזם־לעניניזם איז איצט צוגעשמידט די אויפמערקזאַמקײַט פון אַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס.

עס האָט זיך שוין אָנגעזאַמלט אַ געוויסע דערפאַרונג פון נײַע אַרבעטס־פאָרמען.

נאָכן באַשלוס פונעם צק זײַנען צו דער מינדלעכער און צו דער פּרעסע־פּראָפּאַגאַנדע פונעם מאַרקסיזם־לעניניזם צוגעצויגן געוואָרן די בעסטע טעאָרעטישע און פּראָפּאַגאַנדיסטישע קרעפטן פון דער פּאַרטיי. עס ווערט געשאַפן אַ קאַדער דערפאַרענע פּראָפּאַגאַנדיסטן פּראָפעסיאָנאַלן.

ביז דער איבערבויונג פון דער פּאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדע זײַנען בײַ אונדז אין דער פּאַרטיי געווען העכער 112 טויזנט פּראָפּאַגאַנדיסטן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז צווישן זיי זײַנען געווען ניט ווייניק שוואַך צוגעגרייטע מענטשן. איצט האָט זיך די דאָזיקע צאָל באַדײַטנדיק פאַרקלענערט. אַלס פּראָפּאַגאַנדיסטן קלײַבן אויף די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס מענטשן, וואָס זײַנען ווירקלעך צוגעגרייט פאַר פּראָפּאַ־גאַנדע.

עס האָט זיך פאַרקלענערט אויך די צאָל קרײַזלעך. אויב, צום בײַשפּיל, אין מאָסקווע איז ביזן באַשלוס פונעם צק געווען העכער 9 טויזנט קרײַזלעך, און אין לענינגראַד העכער 5 טויזנט קרײַזלעך, איז איצט אין מאָסקווע פאַראַן עטוואָס מער פון 500 קרײַזלעך, און אין לענינגראַד בײַ 300.

דער גרונט־מעטאָד פון דער אַרבעט פון די קאַדרען ווערט די זעלבּ־שטענדיקע אַרבעט איבערן בוך.

עס פאַרברייטערט זיך די פּרעסע־פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט אַן אַנטשיידנדיקע באַדײַטונג אין דער אַוועקשטעלונג פון דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט.

דאָס אַלץ איז אָבער בלויז אַן אָנהייב פון דעם שווונג פון דער פּראָפּאַגאַנ־דיסטישער אַרבעט, וועלכן אונדזער פּאַרטיי וויל זיך דערשלאָגן. אין דעם דאָזיקן אויפשטײַג וועט אַן אַנטשיידנדיקע ראָליע שפּילן אונדזער באָלשעוויסטישע פּרעסע. דער נאָכפרעגע אויפן געדרוקטן וואָרט איז קאָלאָסאַל אויסגעוואַקסן און וועט וואַקסן.

מיר שטייען ערעוו אַ קאָלאָסאַלן אויפשטײַג פון דער גאַנצער פּראָפּאַגאַנדיס־טישער אַרבעט פון דער פּאַרטיי. פאַר די צילן פון פּראָפּאַגאַנדע דאַרפן ברייט אויסגענוצט ווערן אַזעלכע מעכטיקע מיטלען, ווי קינאָ, ראַדיאָ, קונסט.

קעדיי דערפאָלגרײַך אָנצופירן מיט דער מאַרקסיסטיש־לענינישער פּראָפּאַגאַנדע אין דער פּאַרטיי און אין דער מלוכע, קעדיי דערפאָלגרײַך לייזן די אויפגאַבן פון ליקווידירן דאָס טעאָרעטישע און פּאָליטישע אָפּשטייַן פון די פּאַרטיי־קאַדרען, דאַרף דער צק האָבן אַ מעכטיקן אַפּאַראַט פון פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַ־ציע אין דער פאָרם פון אַ פאַרוואַלטונג פון פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, וואָס

זאָל קאָנצענטרירן די גאַנצע אַרבעט פֿון דער געדרוקטער און מינדלעכער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע.

די אידייִשע פּאַרטייִשע פֿאַרהאַרטעוועטקייט דערציט אין די סאָוועטישע מענטשן דעם באַוווסטזיין פֿון ווירדע פֿונעם סאָוועטישן בירגער און די זיכערקייט אין זיינע קרעפֿטן. ווי קיינמאָל קלינגען איצט מיט אויסשליסלעכער קראַפֿט די ווערטער פֿונעם כאַווער סטאַלין וועגן דעם, אַז די טעאָריע גיט די פּראַקטיקער די קראַפֿט פֿון אָריענטירונג, די זיכערקייט אין זיך, די פּערספּעקטיוו, די קענטשאַפֿט ניט נאָר צו זען, נאָר אויך פֿאָרויסצוזען די געשעענישן.

די איבערבויונג פֿון אונדזער פּאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדע וועט זיכערן דעם אויפֿבלי פֿון דער טעאָרעטישער אַרבעט און וועט מאַכן אונדזער פּאַרטיי אידייִש נאָך מער באַוואָפֿנט. (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן.)

וועגן דער איבערבויונג פֿונעם פּאַרטאַפּאַראַט און וועגן די אַלפֿאַרבאַנדישע קאָנפֿערענצן

כאַווײרים! די טעזיסן וועגן די ענדערונגען אינעם סטאַטוט פֿון דער אַלקפּ(ב) רוקן אַרויס די אויפֿגאַבע צו איבערבויען דעם אַפּאַראַט פֿון די אָפּטיילן סיי אינעם צק, סיי אויך אין די ערטער.

די פּראָדוקציר־צווייג־אָפּטיילן ווייסן ניט בײַ היינטיקן טאָג, מיט וואָס זיי דאַרפֿן, אייגנטלעך, זיך באַשעפֿטיקן, זיי פֿאַרנעמען זיך מיט פֿאַרבײַטן די ווירטשאַפֿט־אָרגאַנען, קאָנקורירן מיט זיי, און דאָס רופֿט אַרויס אַן אַנטפּערזענלעכונג און אומפֿאַראַנטוואָרטלעכקייט אין דער אַרבעט.

די פּראָדוקציר־צווייג־אָפּטיילן פֿונעם צק אַלקפּ(ב) דאַרפֿן ליקווידירט ווערן, אויסער דעם לאַנדווירטשאַפֿטלעכן אָפּטייל, מאַכמעס דער באַזונדערער וויכטיקייט פֿון דער אויפֿגאַבע פֿון קאָנטראָל און פֿון אַנטונג געבן איבער דער טעטיקייט פֿון די סאָוועטישע און פּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציעס אין געביט פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט.

איצט האָבן זיך פֿאַר אונדזער פּאַרטיי געשטעלט אין דער גאַנצער גרייס די אויפֿגאַבן פֿון אָרגאַניזאַציאָנעלער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון די קאָלווירטן, די פֿראַגן פֿון אָנפֿירונג מיט דער קאָלווירטישער עקאָנאָמיק, פֿון דער אַרבעט־אָרגאַניזירונג אין די קאָלווירטן, ראַטווירטן און מטס. וועגן די דאָזיקע אויפֿגאַבן האָט בוילעט און איבערציינגנדיק גערעדט אַפֿן צוזאַמענפֿאָר דער כאַווער אַנדרייעוו.

בײַ דער געוויסער שוואַכקייט, וואָס עס איז פֿאַראַן אין דער אַרבעט פֿונעם פֿאָלקאָמערד און פֿאָלקאָמראַטווירטן און בײַ דעם באַדינג, ווען די אַרבעט אין געביט פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט פֿאָדערט אויסשליסלעכע אויפֿמערקזאַמקייט און זאָרג מיצאַד די אָרטיקע פּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציעס, איז דאָס איבערלאָזן דעם לאַנדווירטשאַפֿטלעכן אָפּטייל אינעם באַשטאַנד פֿונעם אַפּאַראַט פֿונעם צענטראַלקאָמיטעט, פֿון די קאַנטקאָמען און געגנטקאָמען אַ זאַך אַ נייטיקע.

עס איז אויך נייטיק איבערלאָזן דעם שול־אָפּטייל בײַם צק אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס מיר האָבן ניט קיין פֿאַרבאַנדישן פֿאָלקאָמבילד, און אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נייטיקייט צו קאָנטראָלירן, ווי עס איז אוועקגעשטעלט די אַרבעט פֿון דער פֿאָלקסבילדונג אין אַלע רעפּובליקן, קאַנטן און געגנטן.

אין די געגנטקאָמען, קאנטקאָמען און צק פון די נאצקאָמפּארטייען דארפן גע־שאפן ווערן אָפּטיילן: פון קאדרען, פון פּראָפּאגאנדע און אגיטאציע, אן אָרגא־ניזאציאָנעל-אינסטרוקטאָרישער און לאנדווירטשאפטלעכער. אלע איבעריקע פּראָדו־ציר־צווייג־אָפּטיילן דארפן אָפּגעשאפט ווערן.

אין די ראיקאָמען און שטאָטקאָמען איז נייטיק צו האָבן אָפּטיילן: פון קאדרען, פון פּראָפּאגאנדע און אגיטאציע און אן אָרגאניזאציאָנעל־אינסטרוק־טאָרישן.

די אָנפירונג מיט די אָפּטיילן פון פּראָפּאגאנדע און אגיטאציע און מיט די אָפּטיילן פון קאדרען אין די געגנטקאָמען, קאנטקאָמען און צק פון די נאצקאָמ־פּארטייען דארפן ארופגעלייגט ווערן אף באזונדערע סעקרעטארן.

איך מיין, כאווירים, אז נאָך דעם, וואָס איך האָב שוין געזאָגט וועגן די אופגאבן אין היניכט פון צוקלייבן קאדרען און פון קאָנטראָלירן די אויספילונג, ווי אויך וועגן די אופגאבן פון דער פּראָפּאגאנדיסטישער ארבעט, איז ניט נייטיק צו מאָטיווירן די נייטיקייט פון אזא רעאָרגאניזירונג פונעם אפּאראט פונעם צק און פון די אָרטיקע פּארטיי־אָרגאנען. די סטרוקטור פונעם אפּאראט פונעם צק און פון די אָרטיקע פּארטיי־אָרגאנען, וואָס ווערט פאָרגעלייגט צו באהאנדלען דעם XVIII פּארטיי-צוזאמענפאָר, וועט דערלויבן צו זיכערן די פאר־פעסטיקונג פון דער פּארטייִשער אָנפירונג מיט די פארשיידענע צווייגן פון אונ־דזער ארבעט.

* *
*

אין די באדינגונגען פון דעם שנעלן אופשטייג פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאפט, שנעלן פּאָליטישן און קולטורעלן וווקס פון די ארבעטער, פּויערים און אינטעליגענץ האָט זיך שארף געהעכערט דער טעמפּ פונעם פּארטייִשן און מעלוכישן לעבן. קעדיי צו פארווירקלעכן די אָנפירונג מיט די מעלוכישע און פּארטייִשע איניאָנים, קעדיי שנעל צו רעאגירן אף די פּאָדערונגען, וואָס דאָס לעבן רוקט ארויס, און באצייטנס לייזן די רייף-געוואָרענע פראגן, איז נייטיק צו דערגאנצן די עקזיסטירנדיקע סכעמע פון די צענטראלע אָרגאניזאציעס פון דער פּארטיי — פּארטיי־צוזאמענפאָר, צק אלקפּ(ב) — מיט א נייעם אָרגאן — מיט אן אלפארבאנדישער פּארטיי־קאָנפערענץ. דאָס איז נאָך מער נייטיק דערפאר, ווייל דער גרויסער צייט־אָפּשניט צווישן די פּארטיי־צוזאמענפאָרן באגרענעצט די מעג־לעכקייט פון ארויסרוקן אף אָנפירנדיקער ארבעט און באזונדערס אין צק אלקפּ(ב) די אויסגעוואקסענע קאדרען פון פּארטיי־טוער, און א קאָנפערענץ וואָלט געקאָנט געבן דער פּארטיי אזא מעגלעכקייט. אין צוזאמענהאנג דערמיט איז רייף געוואָרן די נייטיקייט צו דערגאנצן די סכעמע פון די צענטראלע פּארטיי־אָרגאניזאציעס — פּארטיי־צוזאמענפאָר, צק אלקפּ(ב) — מיט אן אלפארבאנדישער פּארטיי־קאָנפערענץ, וואָס ווערט צונויפגערופן ניט זעלטענער ווי איינמאָל אין יאָר פון פאָרשטייער פון די אָרטיקע אָרגאניזאציעס אזוי, אז פאר דער הויפּט־אופגאבע פון דער אלפארבאנדישער קאָנפערענץ זאָל מען האלטן דאָס באהאנדלען די רייף־געוואָרענע פראגן פון דער פּארטיי-פּאָליטיק.

דער אלפארבאנדישער פּארטיי-קאָנפערענץ דארף מען געבן דאָס רעכט צו

פארבײַטנ א טײל מיטגלידער פונעמ צק, ד. ה. דאָס רעכט ארויסצופירנ פונעמ באשטאנד פונעמ צק באזונדערע מיטגלידער פונ צק, װעלכע זיכערנ ניט די אויספילונג פונ זײערע פליכטנ, אלס מיטגלידער פונ צק, אונ פארבײַטנ זײ מיט נײַע, אָבער אינ א צאָל ניט מער פונ אײנ פינפטל פונעמ באשטאנד פונ צק, װאָס איז אויסגעװײלט געװאָרנ דורכנ פארטײ-צוזאמענפאָר. די קאָנפערענצ דערגאנצט דעמ באשטאנד פונ די מיטגלידער פונ צק פונ דער צאָל קאנדידאטנ, װאָס זײַנעו אויסגעװײלט געװאָרנ דורכנ פארטײ־צוזאמענפאָר, אונ אָנשטאָט זײ װײלט זי אויס אנ אנטשפרעכיקע צאָל נײַע קאנדידאטנ פאר מיטגלידער פונ צק.

די באשלוסנ פונ דער קאָנפערענצ, אויסער דעמ באשלוס װעגנ אויסװײלנ נײַע מיטגלידער פונ צק אונ נײַע קאנדידאטנ פאר מיטגלידער פונ צק, װעלכער נײטיקט זיכ ניט אינ א באשטעטיקונג פונעמ צק אלקפ(ב), דארפנ באשטעטיקט װערנ פונ צק אלקפ(ב). די באשלוסנ פונ דער קאָנפערענצ, װאָס זײַנעו באשטעטיקט געװאָרנ פונ צק אלקפ(ב), זײַנעו אָבליגאטאָריש פאר אלע פארטײ־אָרגאניזאציעס. די דעלעגאטנ פונ דער קאָנפערענצ װערנ אויסגעװײלט אפ די פלענומס פונ די געגנטקאָמענ, קאנטקאָמענ אונ צק פונ די נאצקאָמפארטײענ. מיטגלידער פונ צק, אויב זײ זײַנעו ניט קײנ דעלעגאטנ לויט א באפולמעכטיקונג פונ די אָרטיקע אָרגאניזאציעס, באטײליקנ זיכ אינ דער ארבעט פונ דער קאָנפערענצ מיט בעראטונגס־רעכט.

װעגנ די אופגאבנ פונ די פראָדוצירישע אונ סאָװעטישע ערשטיקע פארטאָרגאניזאציעס

כאװײרימ!

אינ דעמ פארגאנגענעמ פעריאָד האָבנ זיכ פארפעסטיקט די ערשטיקע פארטײ־אָרגאניזאציעס, װעלכע זײַנעו די באזע פונ אונדזער פארטײ, עס האָט זיכ פארבעסערט זײער פארבינדונג מיט די מאסנ, עס האָט זיכ געהעכערט די אװאנגארד־ראָליע פונ די קאָמוניסטנ, עס האָט זיכ אופגעהויבנ דער ניװאָ פונעמ פארטײ־לעבנ. די פארטײ־אָרגאניזאציעס זײַנעו נעענטער צוגעגאנגענ צו די פראקטישע װירטשאפטלעכע אונ קולטורעלע פראגנ פונ דער סאָציאליסטישער בויונג.

די דערפארונג האָט באװיזנ, אז א דערפאָלגרײַכע ארבעט פונ די פארטײ־אָרגאניזאציעס איז געװענ געזיכערט דאָרט, װו די ערשטיקע פארטײ־אָרגאניזאציעס האָבנ פארשטאנענ צונויפצופאָרנ די פארטײיִש־פאָליטישע ארבעט מיטנ קאמפ פארנ דערפאָלגרײַכנ אויספילנ די פראָדוציר־פלענער, פארנ פארבעסערנ די ארבעט פונעמ מעלוכישנ אפאראט, פארנ באהערשנ די נײַע טעכניק, פארנ פארפעסטיקנ די ארבעט־דיסציפלינ, פאנאנדערװיקלענ די סטאכאנאָװישע באװעגונג, ארויסרוקנ אפ פארטײיִש־װירטשאפטלעכער ארבעט נײַע קאדרעג. אונ, פארקערט, דאָרט, װו די פארטײ־אָרגאניזאציעס זײַנעו אָפגעגאנגענ אָנ א זײַט פונ דער װירטשאפט, באגרענעצנדיק זײערע אופגאבנ מיט פראָפאגאנדע אונ אגיטאציע, אָדער דאָרט, װו די פארטײ־אָרגאניזאציעס האָבנ אפ זיכ גענומענ די ניט־אײגנטימלעכע פאר זײ פונקציעס פונ אָנפירנ מיט דער װירטשאפט, פארבײַטנדיק אונ אנטפערזענ-

לעכנדיק די ווירטשאפטלעכע אָרגאנען, דאָרט איז די ארבעט אומפאראַנטוואָרטלעך פאַר־קראָכן אין א טעמפּן ווינקל.

דער כאוועך סטאלין האָט ניט איין מאָל אָנגעוויזן אַף דער נייטיקייט ריכטיק צונויפצופּאָרן די פּאַרטיי־פּאָליטישע און די ווירטשאַפטלעכע ארבעט. נאָך אין יאָר 1923 האָט ער געזאָגט:

„עס איז נייטיק אריינצוציִען אונדזערע פּראָדוציר־קעמערלעך אין דעם קרייז פראגן, וואָס זיינען פארבונדן מיטן גאנג פון דער ארבעט אין די אונטערנעמונגען און טרעסטן. עס איז נייטיק אוועקצושטעלן די זאך אזוי, אז די קעמערלעך זאָלן זיין אין קורס פון דער ארבעט פון די פּאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען פון אונדזערע אונטערנעמונגען און פאַרייניקונגען, אז זיי זאָלן קאָנען האָבן א ווירקונג אַף דער דאָזיקער ארבעט. אלס פאָרשטייער פון די קעמערלעך, ווייסט איר, ווי גרויס עס איז די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אונדזערע פּראָדוצירישע קעמערלעך בענעגייע די אומפּאַרטייִשע מאַסן פאַר דעם גאנג פון דער ארבעט אין דער אונטערנעמונג. קעדיי דאָס קעמערל זאָל קאָנען אָנפירן און פירן נאָך זיך די אומפּאַרטייִשע מאַסע אינעם זאַוואָד, קעדיי עס זאָל קאָנען טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גאנג פון דער ארבעט אין דער אונטערנעמונג, — און דאָס קעמערל טראָגט אָן ספק פאַר די אומפּאַרטייִשע מאַסן א מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די בלויזן פון דער אונטערנעמונג, — מוז עס זיין אין קורס פון די דאָזיקע איניאָנים, עס מוז האָבן די מעגלעכקייט אזוי אָדער אנדערש צו ווירקן אַף די דאָזיקע איניאָנים. עס איז דעריבער נייטיק, אז די קעמערלעך זאָלן אריינגעצויגן ווערן אין דער באהאַנדלונג פון די ווירטשאַפטלעכע פראגן, וועלכע זיינען פארבונדן מיט דער אונטערנעמונג, אז פון צייט צו צייט זאָלן צונויפגערופן ווערן ווירטשאַפטלעכע קאָנפערענצן פון פאָרשטייער פון די קעמערלעך פון די אונטערנעמונגען, וועלכע גייען אריין אין באַשטאַנד פון טרעסט, צו באהאַנדלען די פראגן, וועלכע זיינען פארבונדן מיט דער ארבעט אינעם טרעסט. דאָס איז איינער פון די ריכטיקע וועגן, וואָס זיינען נייטיק סיי צו באַרייכערן די ווירטשאַפטלעכע דערפאַרונג פון די פּאַרטייִשע מאַסן, סיי אויך צו אָרגאַניזירן דעם קאָנטראָל פון אונטן" (י. סטאַלין, וועגן די אופגאבן פון דער פּאַרטיי. זאמלונג „וועגן דער אָפּאָזיציע", ז. 24).

איך וועל זיך פּאַרופן כאָטשבי אַף דער דערפאַרונג פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון אזא גיגאנט, ווי דער קיראָווער זאַוואָד אין לענינגראַד. די טראָצקיסטיש־בוכאַרינישע בנדיטן, וואָס זיינען געשטאַנען א געוויסע צייט בא דער אָנפירונג פונעם זאַוואָד, האָבן אָנגעטאָן דעם זאַוואָד גרויס שאָדן, זיי האָבן אים דערפירט צו אזא צושטאַנד, אז אינמיטן 1937 יאָר האָט דער זאַוואָד לויט פיל פּאָזיציעס אויסגעפילט די פּראָגראַם קוים אַף 45 — 50 פּראָצ.

איצט פירן אָן מיטן זאַוואָד נייע מענטשן, וואָס האָבן זיך אופגעהויבן פון די רייען פון דער זאַוואָדישער טעכנישער אינטעליגענץ, פון די רייען פון די סטאַכאַנאָווצעס און שלאָגלער.

אינעם לעצטן יאָר האָט זיך די ארבעט פונעם קיראָווער זאַוואָד ערנסט פאַר־

בעסערט, און אין דער דאָזיקער היגזיכט האָט א גרויסע ראָליע געשפּילט די פּארטיי-אָרגאניזאציע און איר פּארטיי־קאָמיטעט, וועלכע האָבן פארשטאנען ריכטיק צונויפצופּאָרן די פּארטייאיש־פּאָליטישע ארבעט מיט דער ווירטשאפטלעכער.

די פּראקטיק פון די קיראָווער קאָמוניסטן באווייזט, אז די ריכטיקע צונויפּאָרונג פון דער פּארטייאיש-פּאָליטישער אויבעט מיט דער ווירטשאפטלעכער פירט ניט צום ברעכן די איינפּערזאָניקייט, פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט, צום פארגעסן די פּארטייאיש-מאסעווע ארבעט.

אין דער דאָזיקער הינזיכט האָט א גרויסע באדייטונג געהאט דאָס, וואָס צו דער אָנפירונג מיט דער פּארטיי־אָרגאניזאציע האָבן זיך אופגעהויבן מענטשן, וועלכע קענען גוט די טעכניק און די עקאָנאָמיק פון דער אונטערנעמונג, עס האָבן זיך אופגעהויבן מענטשן פון די ציכן, פון באזונדערע באצירקן פונעם זאוואָד, מענטשן, וואָס זיינען פעסט פארבונדן מיטן גאנצן קאָלעקטיוו ארבעטער און אינזשעניער-טעכנישע טוער.

די פּארטיי-אָרגאניזאציע פונעם קיראָווער זאוואָד האָט דרייסט אויסגעקאָרטשעוועט די פיינטלעכע עלעמענטן אינעם זאוואָד און האָט ארויסגערוקט נייע קאדרען — ביז 500 בעסטע סטאכאנאָווצעס, אינזשעניערן און טעכניקער, וועלכע פירן איצט טאקע אָן מיטן זאוואָד, — און פירן אָן ניט שלעכט.

באציענדיק זיך אופמערקזאם צו די סיגנאלן פון די געוויינלעכע ארבעטער און אָנגעשטעלטע, האָט די פּארטיי-אָרגאניזאציע באוויזן צו באטייליקן זיך אין דער לייזונג פון א ריי גרויסע עקאָנאָמישע פראגן אינעם זאוואָד. די פּארטיי-אָרגאניזאציע האָט גענומען דעם לעבעדיקסטן אָנטייל אין דער רעפאָרם פון דער סיסטעם פונעם ארבעטסלוין אינעם זאוואָד, וועלכע די שעדיקער האָבן געהאט פארפּלאָנטערט. אָנשטאָט די 100 טאריף־נעצן איז איצט אין זאוואָד פארבליבן 4, עס זיינען איבערגעקוקט געוואָרן הונדערטער טויזנטער נאָרמעס. דאָס האָט געהאט א קאָלאָסאלע באדייטונג פאר דער ריכטיקער אָרגאניזירונג און פאר דער העכערונג פון דער ארבעטס־פּראָדוקטיווקייט אינעם זאוואָד.

אינעם לעצטן האלבן יאָר פילט אויס דער זאוואָד די פּראָדוקציע־אופגעבונגען, ניט איבערשטייגנדיק די פאָנדן פונעם ארבעטסלוין בא א באדייטנדיקער איבערשטייגונג פון די נייע נאָרמעס.

דער פּארטקאָם פונעם קיראָווער זאוואָד האָט געהאָלפן דער דירעקציע צו מאכן אָרדענונג אין דער ענערגעטישער ווירטשאפט פונעם זאוואָד, ער האָט ארויסגערוקט אף דעם דאָזיקן באצירק פרישע מענטשן און געהאָלפן פאנאנדערארבעטן קאָנקרעטע מאָסמיטלען. אין רעזולטאט האָט דער זאוואָד מיט ערע זיך ספּראוועט מיט דער רעגירונגס־אופגעבונג צו פארטאָפּלען דעם ארויסלאָז פון טראקטאָרן צום פרילינג-פארזיי פון 1939 יאָר.

אָט איז א צווייטער ביישפּיל. דער יאראָסלאווער גומי־קאָמבינאט האָט 7 יאָר ניט אויסגעפילט די פּראָדוקציע־פּראָגראם. די שלעכטע ארבעט פונעם גומי־קאָמבינאט, וואָס צו זיין אָנפירונג האָבן זיך איין צייט געהאט דורכגעשמוגלט שׂאָנים פון פאָלק, האָט געפּילט דאָס גאנצע לאנד.

דער צק אלקפּ(ב) האָט געהאָלפן די באָלשעוויקעס פונעם גומי־קאָמבינאט צו דעמאסקירן און צעגראָמירן די שׂאָנים פון פאָלק און האָט געפאָדערט ארויס־

צופירנ אינ א קירצסטנ טערמינ דעמ גומי־קאָמבינאט צווישנ די פאָרגעשריטענע אונטערנעמונגענ פונ לאנד. די פארטיי־אָרגאניזאציע פונעמ גומי־קאָמבינאט האָט די אָנווייזונגענ פונ צק אלקפ(ב) מיט ערע אויסגעפילט. די פראָגראמ פונעמ IV קווארטל פונ 1938 יאָר פונ ארויסלאָזנ אווטאָמאָביל־שינעס האָט דער קאָמבינאט אויסגעפילט אפ 100%, אינ יאנואר 1939 יאָר — אפ 106, אונ אינ פעווראל — אפ 108%. צוזאמענ מיט די ווירטשאפטלעכע דערפאָלגנ איז געוואקסנ אויכ די פארטיי־אָרגאניזאציע. אינעמ פערטנ קווארטל איז די פארטיי־אָרגאניזאציע פונעמ גומי־קאָמבינאט אויסגעוואקסנ מער, ווי אינ די פאָריקע 2 יאָר.

אפ וואָס באזירנ זיכ די דערפאָלגנ פונ דער פארטאָרגאניזאציע פונעמ גומי־קאָמבינאט? זיי באזירנ זיכ אפ דער ריכטיקער צונויפפאָרונג פונ דער ווירטשאפטלעכער אונ פאָליטישער ארבעט פונ דער פארטאָרגאניזאציע. די פארט־אָרגאניזאציע פונעמ גומי־קאָמבינאט האָט אזוי געבויט איר ארבעט, אז די אופגאבע פונ אויספילנ די פראָדוציר־פראָגראמ איז אופגעהויבנ געוואָרנ אפנ ניוואָ פונ א גרויסער פאָליטישער אופגאבע אונ אפ דעמ איז דערצויגנ געוואָרנ דער גאנצער קאָלעקטיוו פונעמ גומי־קאָמבינאט. די פארטאָרגאניזאציע האָט אזוי געקענט פאנאנדערשטעלנ די פארטיי־קאדרענ, אז איר האָט זיכ איינגעגעבנ פינקטלעכ צו ווּסנ, וואָס עס טוט זיכ אפ יעטווידנ באצירק פונ דער אונטערנעמונג. דער ראיקאָמ פונ דער אלקפ(ב) אונ די פארטאָרגאניזאציע האָבנ ניט פארביטנ די ווירטשאפטלעכע אָנפירונג. נאָכ מער, עס זיינענ געשאפנ געוואָרנ אלע נייטיקע באדינגונגענ, אז די ווירטשאפטלער זאָלנ קענענ ארויסווייזנ זעלבשטענדיקייט אונ איניציאטיוו, אָבער די פארטאָרגאניזאציע איז געווענ אינ קורס פונ יעדנ שריט פונ דער דירעקציע, אונ אינ די נייטיקע מאָמענטנ, ווּסנדיק גוט דעמ צושטאנד פונ די ווירטשאפטלעכע איניאָנימ, האָט זי געריכטעט, געלערנט, געהאָלפנ דער ווירטשאפטלעכער אָנפירונג.

קריטיקירנדיק שארפ די צעפאָזנקייט אונ אומפאראנטוואָרטלעכקייט, וואָס די סאָנימ פונ פאָלק האָבנ א לאנגע צייט איינגעפלאנצט, האָט די פארטאָרגאניזאציע געשטיצט אי מאָראליש אי פאָליטיש יעדנ ווירטשאפטלעכנ אָנפירער, יעדנ ארבעטער אונ אָנגעשטעלטנ, וועלכע האָבנ געארבעט ערלעכ אינעמ קאָמבינאט.

אזעלכע ביישפילנ, ווי די ביישפילנ מיטנ קיראָווער זאוואָד אונ יאראָסלאווער גומי־קאָמבינאט, קאָנ מענ ברענגענ צענדליקער אונ הונדערטער. דער זאוואָד „קאליבר” אונ דער 1־טער זייגער־זאוואָד אינ מאָסקווע; א גאנצע ריי אוויאציע־זאוואָדנ; א ריי מעטאלורגישע זאוואָדנ; דער כארקאָווער זאוואָד „סוועט שאכטיאָרא”; דער זאוואָד „נאָוואָיע סאָרמאָוואָ” אינ גאָרקער געגנט אונ פיל אנדערע אונטערנעמונגענ גיבנ אויכ ביישפילנ פונ ריכטיקער צונויפפאָרונג פונ דער פארטיייִשער אונ ווירטשאפטלעכער ארבעט אינעמ לעבנ פונ די ערשטיקע פארטאָרגאניזאציעס.

אינ אלע רעפובליקנ, קאנטנ אונ געגנטנ וועלנ זיכ געפינענ ניט ווייניק פארטאָרגאניזאציעס, וועלכע האָבנ באוויזנ איינצושטעלנ א ריכטיקע באציונג צו די פראגנ פונ ווירטשאפט, איינרעגולירנ דעמ קאָנטראָל איבערנ צושטאנד פונ דער זאכ אינ דער פראָדוקציע אונ העלפנ די ווירטשאפטלער אויסצופילנ אונ איבערשטייגנ די פראָגראמ.

איך וועל זיך פארופן ווײַטער אפ ז'ער דערפארונג פון די פארטאָרגן פון צק אין די לאַנדשוץ־זאוואָדן. אן אויסשליסלעכע באדײַטונג גיט צו דער דאָזיקער פראגע דער כ׳ווער סטאלין. דער כאווער סטאלין האָט פאָרגעלייגט אײַנצושטעלן אין די לאַנדשוץ־זאוואָדן אן אינסטיטוט פון פארטאָרגן פון צק און שיקן אלס פארטאָרגן קוואליפיצירטע אינזשעניערן — ספעציאַליסטן פון זייער פאַך, גוטע פארטייער. דאָס דאָזיקע מאָסמיטל האָט זיך אינגאנצן בארעכטיקט און האָט גע־געבן אויסשליסלעכע רעזולטאטן. אין די לאַנדשוץ־זאוואָדן איז געשאפן געוואָרן א נײַער טיפ טוער, וועלכע פאָרן צונויף די פארטיי־ארבעט מיט קענען דורכ־קאָנטראָלירן די אָדער אנדערע ווירטשאפטלעכע אָדער טעכנישע פראגע.

עס איז באוווסט, אז די אמעראצעס פון אייניקע פארטיי־טוער אין טעכ־נישע און ווירטשאפטלעכע פראגן איז ג׳עווען ווי געווונטשן פאר די שעדיקער. אונדזערע ערשטיקע פארטיי־אָרגאניזאציעס — דאָס איז דער פאָרגעשריטענער אָטריאד פון אונדזערע אונטערנעמונגען, דאָס איז דער שטאָלץ פון אונדזערע אונטערנעמונגען. עס איז נייטיק אויסצונוצן די גאנצע דערפארונג פון דעם דאָזיקן פאָרגעשריטענעם שיכט, וואָס עס שטעלן מיט זיך פאָר די קאָמוניסטן אין די אונטערנעמונגען. קעדיי דורכצוקאָנטראָלירן, ווי עס האלט מיט דער אויס־פילונג פון דער אָדער יענער פאראנטוואָרטלעכער באשטעלונג, מיטן פארווענדן דעם דירעקטאָרישן פאָנד, מיט דער לאגע אין די ארבעטער־צוזאמענוווינונגען, מיט דער לאגע אין די א׳בעטער־גאָרקיכן, דארף מען אוועקלייגן אפן וואָג־שאָל די גאנצע דערפארונג פון די פארטיי־אָרגאניזאציעס, באלײַכטן מיט א באָלשעוו׳סטישן פראָזשעקטאָר אלע זײַטן פונעם פראָדוציר־לעבן פון דער אונ־טערנעמונג. דערמיט וועלן מיר געבן קאָלאָסאלע הילף דער גאנצער זאך פון דער ווירטשאפטלעכער סאָציאַליסטישער בױיונג.

בײַס דער דיסקוסיע האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען, אז דאָס געבן רעכט פון קאָנטראָל די פראָדוצירישע ערשטיקע פארטיי־אָרגאניזאציעס איז, אזוי צו זאָגן, א קלאַפּ איבער דער איינפערזאָניקײַט. מיר דוכט, אז די מענטשן, וואָס האלטן, אז די איינפערזאָניקײַט באשטייט אין דעם, אז מע זאָל קאָמאנדעווען מיטן זאוואָד, ניט אָנשפארנדיק זיך אפן אקטיוו, פארשטייען גאָרנישט אין איינפערזאָניקײַט.

אונדזער סאָוועטישע, באָלשעוויסטישע איינפערזאָניקײַט באשטייט אין קענען פאראָרדענען, אין קענען אָרגאניזירן די ארבעט, צוקלײַבן קאדרען, געבן א ריכטיקע דירעקטיוו, פאָדערן א באריכט, באזײַטיקן די אומפאראנטוואָרטלעכקײַט און אנטפערזענלעכונג. אָבער זי באטײַט, צוזאמען דערמיט, אויך דאָס קענען שטיצן זיך אין דער דאָזיקער ארבעט אפ דער פארטיי־אָרגאניזאציע, אפן אקטיוו פון דער אונטערנעמונג, אפן גאנצן קאָלעקטיוו פון דער אונטערנעמונג.

דעריבער זײַנען ניט ריכטיק די ארויסזאָגונגען וועגן דעם, אז מע קאָן ווי־ניט־איז זיך באגיין אָן א קאָנטראָל מיצאד די ערשטיקע פארטיי־אָרגאניזאציעס. אומזיסט האָבן אייניקע ווירטשאפטלער מוירע פאר אזא קאָנטראָל.

אין צוזאמענהאנג דערמיט איז רײַף געוואָרן די נייטיקײַט מער פינקטלעך צו דעפינירן די אופגאבן פונעם פארשיידענעם טיפ ערשטיקע פארטיי־אָרגאני־זאציעס און, באזונדערס, פון אזעלכע ערשטיקע פארטיי־אָרגאניזאציעס, ווי די

פארטיי־אָרגאַניזאַציע אין דער פּראָדוקציע (פאַבריק, זאַוואָד, ראַטווירט, קאָלווירט) און די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע פון א פּאָלקאָמאַט.

דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון א פּראָדוציר־טיפּ דאַרף געגעבן ווערן דאָס רעכט צו קאָנטראָלירן דעם צושטאַנד פון די איניאָנים פון דער אונטערנעמונג, ראַטווירט און קאָלווירט. דאָס דאַרף ברענגען צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער ראָליע און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די ערשטיקע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס אין דער פּראָדוקציע.

וואָס אָנבאַלאַנגט די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס פון פּאָלקאָמאַטישן טיפּ, איז, ניט האָבנדיק, מאַכמעס די ספּעציפישע באַדינגונגען פון זייער אַרבעט, קיין קאָנטראָל־פונקציעס, דאַרפן זיי פאַרשטאַרקן זייער ראָליע אין היִנזיכט פון פאַרבעסערן די אַרבעט פונעם אַפּאַראַט. זייער פליכט איז סיגנאַליזירן וועגן די דעפעקטן פון דעם אָדער אַנדערן פּאָלקאָמאַט, פאַרצייכענען די כעסרוינעס פון באַזונדערע טוער און מיטיילן וועגן זיי אין צק און די אָנפירער פונעם פּאָלקאָמאַט.

באַשטימענדיק די אויפגאַבן פון די סאָוועטישע קעמערלעך, האָט דער כאַווער סטאַלין אפּ דער זיצונג פון דער אָרגביוראָ פונעם צק דעם 15 מאַרט 1926 יאָר געזאָגט וועגן דעם, אַז

„קעדיי אונדזערע סאָוועטישע קעמערלעך זאָלן זײַן די היטער פון דער ווירקלעכער סאָוועטישער אָרדענונג אין אונדזערע אַנשטאַלטן... ...דאַרפן די קעמערלעך נאָכשפּירן נאָך דעם, אַז אין די סאָוועטישע אַנשטאַלטן, מעלו־כישע און ווירטשאַפטלעכע, אַז אין זיי זאָל זײַן כאָטשבי עלעמענטאַ־ע אָר־דענונג, עלעמענטאַרע פּילבאַרקײַט, גרייטקײַט אויסצוהערן מענטשן, עס זאָל זײַן וואָס ווייניקער ביוראָקראַטיזם. מע דאַרף זיך דערשלאָגן דערצו, אַז דאָס סאָוועטישע קעמערל זאָל לעבן מיטן לעבן פון דער גאַנצער פּאַרטיי, אַז עס זאָל העלפן דער פּאַרטיי פאַרבעסערן, פאַריינפאַכערן און דער־נעענטערן צו דער באַפעלקערונג דעם סאָוועטישן און ווירטשאַפטלעכן אַפּאַראַט, מאַכן אים פאַר אַן ערלעכן און שפּאָרזאַמען" (זע „איזוועסטיִא צק ווקפּ(ב)" נום. 16—17 פון 1926 יאָר).

אַלע פּאַרטיי־מיטגלידער, וואָס אַרבעטן אין דעם אָדער אַנדערן פּאָלקאָמאַט, דאַרפן זיך פאַראייניקן אין אַן אַלגעמיין־פּאָלקאָמאַטישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. דער סעקרעטאַר פון דער ערשטיקער אָרגאַניזאַציע פון פּאָלקאָמאַט דאַרף באַשטעטיקט ווערן פונעם צק אַלקפּ(ב). די נויטווענדיקײַט פון דעם דאָזיקן לעצטן מאָסמיטל, כאַווײרים, נייטיקט זיך קוים אין א גענויער מאָטיווירונג און אַרגומענטירונג, — זי איז קלאָר אַליין פאַר זיך.

* *
*

כאַווײרים! איך האָב איבערגעגעבן די גרונט־אויסבעסערונגען אין דערגאַנ־צונגען צום סטאַטוט פון דער אַלקפּ(ב), וועלכע די טעזיסן לייגן פּאָ־.

כ צ די דאָזיקע אויסבעסערונגען און דערגאַנצונגען איז נאָך נייטיק צו פאַר־צייכענען די דערגאַנצונגען, וואָס דרינגען אַרויס פון דער פּאַרטײיִשער דערפאַ־רונג, וועגן דער נייטיקײַט צו האָבן אין די געגנטקאָמען און קאַנטקאָמען 4—5 סעקרעטאַרן, וועגן געבן סטאַטוט-רעכט די קרײַזישע אָרגאַניזאַציעס פון דער

פארטיי, וועגנ פארשפרייטנ דעמ סטאטוט־רעגלאמענט וועגנ די פארטאָרגאניזאציעס אינ דער רויטער ארמיי אויכ אפ די פארטאָרגאניזאציעס פונעמ קריגס־יאמישנ פלאָט. די דאָזיקע דערגאנצונגענ פאָדערנ ניט, לויט מײַנ מיינונג, קיינ דערקלערונגענ.

אלס ענדערונג פונ דער עקזיסטירנדיקער לאגע ווערט פאָרגעלייגט אפ ווײַטער אָנצורופנ די געוויילטע אָרגאנענ פונ די ערשטיקע אָרגאניזאציעס ניט קאָמיטעטנ, נאָר ביוראָענ פונ די פארטאָרגאניזאציעס.

די דאָזיקע ענדערונג גייט ארויס פונ דעמ, וואָס קאָמיטעטנ אָרגאניזירנ זיכ דאָרט, ווו עס פארייניקנ זיכ עטלעכע פולבארעכטיקטע פארטאָרגאניזאציעס. אזא איז די טראדיציע פונ אונדזער פארטיי, וואָס אנטשפרעכט די אינטערעסנ פונ דער זאכ. די געוויילטע אָרגאנענ פונ די ערשטיקע פארטיי־אָרגאניזאציעס, ווידער, איז צוועקמעסיקער אָנצורופנ, אינ אונטערשייד פונ קאָמיטעטנ, ביוראָ.

א גרויסע באדײַטונג גיט צו דער צק אויכ דעמ געבנ רעכט די צעכאָווע פארטיי־אָרגאניזאציעס אויסצוויילנ — בא געוויסע באדינגונגענ, אונ, נעמלעכ, בא דער אָנוועזנהײַט ניט ווייניקער פונ 15 פארטיי־מיטגלידער, — א ביוראָ פונ דער צעכאָווער פארטיי־אָרגאניזאציע. איר ווייסט, אז אינ די גרעסטע זאוואָדנ זײַנענ לויטנ באשלוס פונעמ צק געשאפנ געוואָרנ צעכאָווע קאָמיטעטנ. די דערפארונג פונ זייער ארבעט האָט זיכ אינגאנצנ בארעכטיקט.

וועגנ די סאכאקלענ פונ דער דיסקוסיע איבער די טעזיסנ פונעמ פאָרטראָג „וועגנ די ענדערונגענ אינעמ סטאטוט פונ דער אלקפ(ב)”

איכ גיי אריבער צו די אויסבעסערונגענ אונ ענדערונגענ, וואָס זײַנענ ארײַנגעטראָגנ געוואָרנ באמ באהאנדלענ אינ די פארטיי־אָרגאניזאציעס די טעזיסנ פונעמ פאָרטראָג „וועגנ די ענדערונגענ אינעמ סטאטוט פונ דער אלקפ(ב)”.

איבער די טעזיסנ האָט זיכ פאנאנדערגעוויקלט א ברייטע דיסקוסיע. אינ רעזולטאט פונ דער דיסקוסיע זײַנענ די טעזיסנ באוויליקט געוואָרנ פונ דער איבערוועגנדיקער מערהײַט פונ די פארטיי־מיטגלידער אונ פונ אלע פארטיי־אָרגאניזאציעס. (שטורמישע אפלאָדיסמענטנ.)

די באהאנדלונג פונ די טעזיסנ האָט געגעבנ א גאנצ גרויסע צאָל אויסבעסערונגענ אונ דערגאנצונגענ סײַ צו די טעזיסנ גופא, סײַ אויכ צו א ריי אנדערע פאראגראפנ פונ דעמ איצט גילטיקנ סטאטוט, אינ וועלכע די טעזיסנ האָבנ ניט פאָרויסגעזעענ קיינ ענדערונגענ.

מאכמעס דער גרויסער פארשיידנארטיקײַט פונ די אויסבעסערונגענ, דארפ מענ זיי אײַנטיילנ אינ עטלעכע קאטעגאָריעס.

עס איז פאראנ א ריי גאָרנישט־זאָגנדיקע אויסבעסערונגענ, וואָס האָבנ ניט קיינ שומ פראקטישנ ווערט, צומ בײַשפיל: די וואלנ פונ די פארטאָרגאנענ דורכפירנ איינ מאָל אינ פינפ יאָר; די וואלנ פונ די סעקרעטארנ פונ די פארט־

אָרגאַניזאַציעס דורכפירן אַפּ אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, און ניט דורך די קאָמיטעטן אָדער ביוראָען, דה. מאַכן דעם סעקרעטאַר אומאָפּהענגיק פונעם קאָמיטעט אָדער ביוראָ; דורכפירן דעם אופנעם אין דער פּאַרטיי אַפּ פּײַערלעכע פאַרזאַמלונגען אאוו.

די דאָזיקע אויסבעסערונגען און דערגאַנצונגען ריידן אַליין קעגן זיך, און עס איז ניטאָ קיין שום נייטיקייַט צו פּאָלעמיזירן קעגן זיי. זיי פאַלן אָפּ אַליין פון זיך, ווי פּוסטע אויסטראַכטענישן. (געלעכטער, אַפּלאָדיסמענטן.)

פאַראַן, צווייטנס, אַ גרויסע צאָל אויסבעסערונגען, דערגאַנצונגען און באַמערקונגען, וואָס האָבן ניט קיין דירעקטע שייַכעס צום סטאַטוט פון דער אַלקפּ(ב), און באַציִען זיך צו דער לויפנדיקער פּאַרטייִש-אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט.

אַזעלכע זייַנען, צום בייַשפּיל, די פּאָרשלאָגן וועגן אויסטיילן ניט ווייניקער פון 3 אָוונטן אין אַ פינפטאָג, פרייַע פון יעטווידע פאַרזאַמלונגען און באַראַטונגען, אַז די כאַווײרים זאָלן קאָנען אַי באַשעפטיקן זיך מיט טעאָריע; פּאָרשלאָגן וועגן דורכפירן פּאַרטיי־טעג; וועגן פאַרווערן אָנצונעמען באַשלוסן דורך אַן אויספרעג; וועגן אויסוויילן ביוראָען פון ראַיקאָמען אין קלייַנצאָליקע ראַיאָנע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס; וועגן אַריבערפירן די טראַקטאָריסטן און קאָמבייַנערס אַפּן דיסקאָנט אין די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס פון די מטס; וועגן ליקווידירן די פּאַרטיי-קאָמיטעטן פון די אײַזנבאַן־קנופּן אאוו. אדג.

די טעמעס פון די אַלע אויסבעסערונגען און פּאָרשלאָגן זייַנען, ווי איר זעט, — אייניקע פּראַקטישע פראַגן פון דער פּאַרטיי־בויונג. די אוטאָרן פון די דאָזיקע אויסבעסערונגען האָבן, אַפּאָנעם, זיך ניט קלאָר געמאַכט דעם אונטערשייד צווישן די סטאַטוט-פראַגן און די פראַגן פון דער לויפנדיקער פּאַרטיי־אַרבעט, און דעריבער סטאַרען זיי זיך אַרייַנצוקוועטשן אין סטאַטוט וואָס מער אַלערליי האַנאָכעס, פאַרגעסנדיק וועגן דעם, אַז דער סטאַטוט גיט בלויז די אַלגעמיינע ראַמען, די גרונט־פּאָרמען פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייַט פון דער פּאַרטיי און אַז דער סטאַטוט שליסט ניט אויס, נאָר, פאַרקערט, האָט אין זינען די לויפנדיקע טעטיקייַט פון די פּאַרטיי־אָרגאַנען.

דער סטאַטוט פון דער אַלקפּ(ב), וועלכן דער XVIII פּאַרטיי־צוזאַמענפּאָר וועט באַשטעטיקן, גיט אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע באַזע פאַר דער קינפטיקער טעטיקייַט פון די אָנפירנדיקע פּאַרטיי־אָרגאַנען. די אויסבעסערונגען און דערגאַנצונגען פון אַזאַ מין דאַרפן איבערגעגעבן ווערן צו דער באַהאַנדלונג פון דעם נייַעם באַשטאַנד פון צק אַלקפּ(ב).

די דריטע גרופּע אויסבעסערונגען האָט אַ דירעקטע שייַכעס צום סטאַטוט פון דער אַלקפּ(ב). אַ באַדייַטנדיקער טייל פון די דאָזיקע אויסבעסערונגען האָט אַ רעדאַקציאָנעלן כאַראַקטער און קאָן איבערגעגעבן ווערן אין דער סטאַטוט־קאָמיסיע פונעם XVIII צוזאַמענפּאָר, וועלכע דער צוזאַמענפּאָר, מיין איך, וועט שאַפן און וועט איר באַאופטראָגן אײַנצושטעלן די ענדגילטיקע רעדאַקציע פונעם פּאַרטיי־סטאַטוט.

וואָס אָנבאַלאַנגט די אויסבעסערונגען און דערגאַנצונגען, וואָס האָבן אַ וועזנטלעכע באַדייַטונג, איז זיי צוועקמעסיק אײַנצוטיילן אין דרײַ קאַטעגאָריעס: אויסבעסערונגען און דערגאַנצונגען ניט־אָנעמבאַרע, וועלכע מע דאַרף אָפּוואַרפן, אויס-

בעסעווּנגען און דערגאַנצונגען, וואָס זייער צוועקמעסיקייט איז נייטיק דורכצוּוּע־טילירן אַבּן צוזאַמענפּאָר, און, צולעצט, אויסבעסערונגען און דערגאַנצונגען, וועלכע עס איז נייטיק אָנצונעמען.

איך וועל זיך אָפּשטעלן אַף די ניט־אָנעמבאַרע פּאָרשלאָגן.

1. אויסבעסערונגען, וואָס זיינען אויסן איבערצולאָזן אין דער אָדער אַנדערער פאָרם די קאַטעגאָריעס באַם אופנעם. דאָ זיינען פאַראַן די סאַמע פאַרשיידנאַרטי־קע פאָרשלאָגן. זיי אַלע גייען אַרויס, אַז עס איז נאָך ניט די צייט, לויט דער מיינונג פון די אווטאָרן, צו פאַרניכטן די פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס. זיי לייגן פאָר איינצושטעלן 2 אָדער 3 קאַטעגאָריעס: איינע פאַר אַרבעטער, אַ צווייטע — פאַר פּויערים און אינטעליגענץ, אָדער אויסטיילן אַ ספּעציעלע קאַטע־גאָריע פאַר די פאָרשטייער פון דער אַלטער אינטעליגענץ אאַוו. די דאָזיקע פאָר־שלאָגן דאַרף מען ניט אָננעמען.

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון די דאָזיקע אויסבעסערונגען באַשטייט דערין, וואָס זייערע אווטאָרן איז אָדער זיי איגנאָרירן, אָדער זיי האָבן זיך ניט קלאָר געמאַכט דעם טאָך פון די ראַדיקאַלע ענדערונגען אין די קלאַסן־פאַרהעלטענישן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין פסםר. אָדער זיי קלאַמערן זיך שטאַרק באַם לאַנג פאַרגאַנגענעם, ניט זעענדיק דאָס נייע, אָדער זיי שלאָפן פּאַשעט מיט אַ טויט־שלאָף און באַמערקן ניט, וואָס עס טוט זיך אַרום. (אַ פּ לאָ ד י ס מ ע נ ט ן.)

2. עס איז פאַראַן אַ ריי אויסבעסערונגען פון אַ דיאַמעטראַל־קעגנזעצלעכן טיפּ, וועלכע גייען ווייטער פון די פאָרגעלייגטע אין די טעזיסן נאָרמעס, וואָס רעגולירן דעם אופנעם אין דער פאַרטיי. אויב די ערשטע גרופּע אויסבעסערונגען, ווי מיר האָבן אָקאָרשט געזען, לייגט פאָר איבערצולאָזן די אַלטע אופנעם־באַדינ־גונגען, לייגט די צווייטע גרופּע אויסבעסערונגען פאָר צו גיין באַדייטנדיק ווייטער פון די נאָרמעס, וואָס זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן דורך די טעזיסן. זיי לייגן פאָר, צום ביישפּיל, איינשטעלן אַ קאַנדידאַטן־סטאַזש ניט פון אַ יאָר, נאָר פון 9 כאַדאָשים, 6 כאַדאָשים און אַפילו פון 3 כאַדאָשים; אָפּשאַפן דעם פאַרטיי־סטאַזש פאַר די רעקאָמענדירער, פאַרקלענערן די צאָל רעקאָמענדירער אאַוו. אַדג. איך מיין, אַז אויסבעסערונגען פון אַזאַ מין שטאַמען דערפון, וואָס באַזונדערע פאַרטיי־מיטגלידער פאַרשטייען ניט די פראַגע וועגן דעם כאַראַקטער פון אונדזער פאַרטיי, זיי זאָגן איידעס וועגן דעם, אַז אייניקע פאַרטיי־מיטגלידער האָבן פאַרגעסן די גרונט־האַנאָכע, אַז די קראַפט פון אונדזער פאַרטיי באַשטייט ניט אין דעם, אַז מע זאָל פאַרניכטן די גרענעצן צווישן דער פאַרטיי און ניט־פאַרטיי, צווישן די פאַרטייער און די אומפאַרטייער און צעשוואומען, צע־לאָזן ווערן אין דער מאַסע, נאָר אין דעם, אַז די פאַרטיי, זייענדיק אַ זאַמל־פּונקט פון די פאָרגעשריטענע מענטשן פון עם אַרבעטער־קלאַס, פּויערטום, אינ־טעליגענץ, יאָגט זיך ניט נאָך דער צאָל מיטגלידער, נאָר זי זאָרגט וועגן זייער קוואַליטעט, וועגן דעם הויכן נאָמען פאַרטיי־מיטגלידער, וועגן זייער שטאַנדהאַפטי־קייט און איבערגעגעבנקייט דער זאַך פון עם אַרבעטער־קלאַס.

די אווטאָרן פון אַזעלכע אויסבעסערונגען גייען אַרויס פון דער ניט־ריכטי־קער פאָרשטעלונג, אַז די פאַרטיי האָט קלוימערשט מער ניט בעדייע צו זאָרגן וועגן דער קוואַליטעט פון אירע מיטגלידער, און זי עפנט ברייט די טירן פאַר

אלעמען, ווער עס וויל נאָר אין איר אריין. אזעלכע ניט־ריכטיקע אָנשויונגען האָבן קיין שום געמיינזאמס ניט מיט די איינשטעלונגען פון דער פארטיי אף א שטרענג־אינדיווידועלן אופנעם פון ווירקלעך פאָרגעשריטענע טוער אין די רייען פון דער פארטיי.

צי באטייט דאָס, אז די וועזנטלעכע ענדערונגען אין דער אָרדענונג פונעם אופנעם אין דער פארטיי שוואכן אָפּ אין א וועלכער־עס־איז מאָס דעם אויסגע־פרווטן לענינישן פרינציפּ פון אינדיווידועלן אָפּקלייב אין דער פארטיי? בעשום אויפן ניט.

דער צק און דער כאווער סטאלין האָבן פיל מאָל מיט מאקסימאלער קלאָר־קייט אָנגעוויזן אף דעם, אז פאר דער פארטיי איז וויכטיק ניט אזוי די צאָל מיטגלידער, ווי זייער קוואליטעט, זייער שטאנדהאפטיקייט. אָט וואָס, צום ביישפּיל, כאווער סטאלין האָט געזאָגט דעם 6 יול 1921 יאָר אין זיין פאָרטראָג אף דער אלגעמיינער פארזאמלונג פון דער טיפליסער אָרגאניזאציע פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון גרוזיע:

„מע דארף איינמאָל פאר אלעמאָל פארגעדענקען, אז די קראפט און דאָס ספּעציפישע געוויכט פון דער פארטיי, באזונדערס פון דער קאָמוניס־טישער פארטיי, הענגט אָפּ ניט אזוי פון דער צאָל מיטגלידער, ווי פון זייער קוואליטעט, פון זייער שטאנדהאפטיקייט און איבערגעגעבנקייט דער זאך פונעם פראָלעטאריאט".

אפן צווייטן אלפארבאנדישן ראטן־צוזאמענפאָר דעם 26 יאנווואר 1924 יאָר האָט דער כאווער סטאלין אין זיין גרויסער שווּע אין צוזאמענהאנג מיט לענינס טויט געזאָגט:

„ניט יעדערער איז ווערט צו זיין א מיטגליד פון אזא פארטיי. ניט יעדערער איז אימשטאנד אויסצוהאלטן די שוועריקייטן און שטורעמס, וואָס זיינען פארבונדן מיט דער מיטגלידערשאפט אין אזא פארטיי. די זין פונעם ארבעטער־קלאס, די זין פון נויט און קאמף, די זין פון אומגעהייערער דאָכ־קעס און העראָישע אָנשטרענגונגען, — אָט ווער עס דארף, פריער פון אלץ, זיין מיטגלידער פון אזא פארטיי. אָט פארוואָס די פארטיי לענינצעס, די פארטיי קאָמוניסטן, הייסט צוזאמען דערמיט די פארטיי פונעם ארבעטער־קלאס".

אין דער רעזאָלוציע פונעם XIII פארטיי־צוזאמענפאָר „וועגן די אָרדנטלעכע אופגאבן פון דער פארטיי־בויונג" האָט די פארטיי אָנגעוויזן, אז באם אופנעמען נייע מיטגלידער זיינען וויכטיק ניט די פאָרמעלע קריטעריען, נאָר דער טאָכ פון דער זאך. אין דער דאָזיקער רעזאָלוציע איז געזאָגט געוואָרן, אז

„באם אופנעם דארפן אָפּגעהיט ווערן ניט נאָר די איינגעשטעלטע פאָר־מעלע באדינגונגען, נאָר עס דארף אויך אומבאדינגט קלאָר געמאכט ווערן לויטן טאָכ די פייקייט פונעם נייעם פארטיי־מיטגליד צו העלפן אין דער פראקטיק דער פארטיי און די אָרגאנען פון דער פראָלעטארישער דיקטאטור".

דער דאָזיקער פרינציפּ פון שטרענג־אינדיווידועלן צוגאנג באם אופנעמען אין דער פארטיי איז אן אייזנפעסטער געזעץ פון אונדזער פארטיי און קאָן ניט געענדערט ווערן.

דער צענטראל־קאָמיטעט פונ דער פּארטיי האָט אינ פארלויפ צווישנ דעמ XVII אונ XVIII פּארטיי־צוזאמענפאָרנ ניט איינ מאָל אָנגעוויזנ אפ דער געפאר פונ פארגעסנ דעמ פּרינציפּ פונ אינדיווידועלנ אופנעמ אינ דער פּארטיי.

פרעמדע, פײַנטלעכע עלעמענטנ האָבנ שטענדיק געשטרעבט ארײַנצוגייג אינ די רייענ פונ דער אלקפּ(ב), קעדיי, צודעקנדיק זיכ מיטנ נאָמענ פּארטיי־מיטגליד, ארונטערײַסנ די גרויסע זאכ פונעמ ארבעטער-קלאס.

דער צענטראל־קאָמיטעט פונ דער פּארטיי האָט דורכגעפירט א קאָלאָסאלע ארבעט אינ קאמפּ קעגנ ברעכנ די פּרינציפּנ פונ אינדיווידועלנ אָפּקלײַב אינ דער פּארטיי.

דער צענטראל־קאָמיטעט פונ דער פּארטיי האָט אנטשיידנ געקעמפט קעגנ די פּרוּוונ צו פארגעסנ לעני‌נס אָנווײַזונגענ וועגנ דעמ, אז בלויז אונדזער פּארטיי, די אייִנציקע אינ דער וועלט, זאָרגט זיכ—ניט וועגנ פארגרעסערנ די צאָל מיטגלידער, נאָר וועגנ העכערנ זייער קוואליטעט.

דער צענטראל-קאָמיטעט פונ דער פּארטיי האָט אפנ שטרענגסטנ אויפנ געוואָרנט די פּארטיי־אָרגאניזאציעס קעגנ דער געפאר פונ פארקריפלונג אונ דער געפאר פונ איבערכאזוערנ די פּעלערנ, קעגנ דער געפאר צו פארבײַטנ דעמ זאָרגזאמענ אינדיווידועלנ אָפּקלײַב אינ די רייענ פונ דער פּארטיי מיט א שעדלעכער הורטאָווער קאמפּאניע פונ אויפנעמענ אינ דער פּארטיי, וואָס דאָס האָט פארמיסטיקט די רייענ פונ דער אלקפּ(ב) מיט פרעמדע, פײַנטלעכע עלעמענטנ.

די דורכקאָנטראָלירונג אונ דער אויסטויש פונ די פּארטיי־דאָקומענטנ האָבנ אויפגעדעקט אנ אויסשליסלעכע פארלאָזטקײַט אונ כאאָס אינ דער דאָזיקער הינזיכט. דערפונ איז קלאָר, אז דער פּרינציפּ פונ אינדיווידועלנ אָפּקלײַבנ אינ דער פּארטיי ווירקלעכ פאָרגעשריטענע, ווירקלעכ איבערגעגעבענע דער זאכ פונעמ ארבעטער-קלאס, בעסטע מענטשנ פונ אונדזער לאנד פונ צווישנ די ארבעטער, פּויערימ אונ ארבעטס־אינטעליגענצ, וועלכע זײַנענ דורכגעקאָנטראָלירט געוואָרנ אפ פארשיידענע באצירקנ פונ קאמפּ פאר סאָציאליזמ, מענטשנ, וועלכע דערשרעקנ זיכ ניט פאר שוועריקײַטנ, נאָר זיי פארהארטעווענ זיכ אינ קאמפּ קעגנ זיי, איז געווענ, איז אונ פארבלײַבט דער אנטשיידנדיקער פּרינציפּ פונ אונדזער פּארטיי באמ לייזנ די פראגע וועגנ אופנעמענ אינ דער פּארטיי.

צוזאמענ דערמיט איז די פּארטיי פארינטערעסירט אינ שאפנ אלע מעגלעכקײַטנ, אז אינ אירע רייענ זאָלנ ארײַנטרעטנ ווירקלעכ פאָרגעשריטענע מענטשנ. די ענדערונגענ אינעמ סטאטוט שאפנ פּאקטיש די דאָזיקע מעגלעכקײַטנ.

3. א רײַ כאווײרימ לייגט פאָר אײַנצושטעלנ א באזונדערע קאטעגאָריע פאר די פּערזאָנענ, וואָס זײַנענ פריער געווענ אינ דער פּארטיי. מיר דוכט, אז אינ דעמ איז ניטאָ קיינ נויט. אויב עס האנדלט זיכ וועגנ כאווײרימ, וועלכע האָבנ פאר דער צײַט פונ זייער געפינענ זיכ אויסער דער פּארטיי ארויסגעוויזנ זיכ אלס איבערגעגעבענע אונ אקטיווע טוער, דאנ קאָנ מענ זיי ארײַנעמענ אפ די זעלבע יעסוידעס, אפ וועלכע עס ווערנ ארײַנגענומענ אלע כאווײרימ, וואָס טרעטנ ארײַנ פונדאָסנײַ. אויב אָבער אזעלכע מענטשנ האָבנ פאר דער צײַט פונ זייער געפינענ זיכ אויסער דער פּארטיי ניט דערוויזנ זייער איבערגעגעבנקײַט, דאנ וועלנ זיי, ווארשײַנלעכ, ניט ארײַנגענומענ ווערנ, אונ קיינער וועט זיי קיינ רעקאָמענדאציע ניט געבנ.

4. ווײַטער, ווערנ פאָרגעלייגט אויסבעסערונגענ בענעגייע באַקאַנטשאַפט לויט געמיינזאַמער ארבעט פונ דעמ רעקאָמענדירער מיטנ רעקאָמענדירטנ. מע לייגט פאָר אײַנצושטעלנ פאַר פערזאָנענ, וואָס געפינענ זיכ אינ די רייענ פונ דער ארבעטער־פויערשער רויטער ארמיי, 6 כאַדאָשימ, מאָטיווירנדיק דאָס מיט די באַזונדערע לעבנס־באַדינגונגענ פונ דער רויטער ארמיי. איכ מיינ, אַז מיר דאַרפנ אָפּוואַרפנ דעמ דאָזיקנ פאָרשלאָג. ערשטנס, שאַפט ער פאַרשיידענע באַדינגונגענ אינעמ לעבנ פונ די טעריטאָריעלע און ארמייִשע פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, וואָס דאָס איז ניט געווּנטשנ. צווייטנס, קאָנענ דאָכ געבנ רעקאָמענדאַציעס כאַווײרימ, וועלכע קענענ אימ לויט געמיינזאַמער ארבעט ניט נאָר אינ דער געגעבענער אונטערנעמונג, אינ דעמ געגעבענעמ אַנשטאַלט, נאָר אויכ וועלכע האָבנ אימ געקענט לויט געמיינזאַמער ארבעט פריִער, דערבײַ דאַרפ מענ ניט פאָדערנ פונ די רעקאָמענדירער אָבליגאַטאָריש בײַצוזײַנ באַמ אופנעמ. ענדלעכ, קאָנ די פאַרט־אָרגאַניזאַציע זיכ ווענדנ מיט אַנ אָנפרעגע וועגנ דעמ כאַווער, וואָס וויל אַרײַנטרעטנ אינ דער פאַרטיי, — אויב דאָס וועט נייטיק זײַנ, ווענ עס וועט ניט שטײַענ קיינ רעקאָמענדירער אָפנ אָרט, — אינ יענער אָרגאַניזאַציע, ווו ער האָט פריִער געאַרבעט, אָדער צו די כאַווײרימ, וועלכע קאָנענ אימ רעקאָמענדירנ לויט דער פריִערדיקער געמיינזאַמער ארבעט.

5. עס איז אַרײַנגעטראָגנ געוואָרנ אַ רייִ פאָרשלאָגנ וועגנ געבנ רעכט צו אופנעמענ אינ דער פאַרטיי די צעכאָווע פאַרטיי־פאַרזאַמלונגענ אינ גרויסע פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, וואָס ציילנ ניט ווייניקער פונ 500 פאַרטיי־מיטגלידער, אויסמײַדנדיק די אַלגעמיינע פאַרטיי־פאַרזאַמלונג. עס זײַנענ אויכ אַרײַנגעטראָגנ געוואָרנ פאָרשלאָגנ וועגנ געבנ אַלע צעכאָווע פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס דאָס רעכט צו אופנעמענ אינ דער פאַרטיי, אויסמײַדנדיק די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פונ דער ערשטיקער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

איכ מיינ, אַז מיר דאַרפנ דאָ אָנעמענ פאָלגנדיקנ פאָרשלאָג: אינ גרויסע זאַוואָדישע פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, וואָס ציילנ העכער 500 אָדער 700 פאַרטיי־מיטגלידער (וועגנ דעמ דאַרפ מענ זיכ אויסטוישנ מיט מיינונגענ אָפנ צוזאַמענפאָר), געבנ דאָס רעכט צו שאַפנ ניט קיינ ביוראָ פונ דער ערשטיקער אָרגאַניזאַציע, נאָר אַ זאַוואָדישנ קאָמיטעט.

אייניקע כאַווײרימ האָבנ פאָרגעלייגט צו אָרגאַניזירנ אינ אַזעלכע אונטערנעמונגענ ראַיאָנע פראָדוציר־קאָמיטעטנ. מיר דוכט, אַז דאָס איז ניט ריכטיק, ווײַל דאַנ וועלנ זיכ בײַ אונדז באַקומענ צוויי פאַרשיידענע טיפּנ ראַיקאָמענ — ראַיקאָמענ טעריטאָריעלע און ראַיקאָמענ פראָדוצירישע. אינ אַזעלכע זאַוואָדישע פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, ווו עס זײַנענ פאַראַנ העכער 500 אָדער 700 פאַרטיי־מיטגלידער, איז צוועקמעסיק צו אָרגאַניזירנ זאַוואָדישע פאַרטיי־קאָמיטעטנ מיט דער אויסרעכענונג, אַז די צעכאָווע פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אינ אַזעלכע גרויסע אונטערנעמונגענ זאָל מענ געבנ סטאַטוט־רעכט.

וואָס אָנבאַלאַנגט די פאָרשלאָגנ וועגנ געבנ אַלע צעכאָווע אָרגאַניזאַציעס דאָס רעכט צו אופנעמענ אינ דער פאַרטיי, ד. ה. וועגנ פאַרשפרייטנ די סטאַטוט־רעכט אָפ אַלע צעכאָווע ערשטיקע אָרגאַניזאַציעס, דאַרפ מענ זיי אָפּוואַרפנ, ווײַל זיי גייענ לויט דער ליניע פונ פאַרמינערנ די באַדײַטונג פונ דער

אַלגעמיין־זאוואָדישער אָרגאניזאציע. און אונדזער פעסטונג איז דאָך פריִער פאר אַלץ דער זאוואָד, און עס וואָלט געווען ניט ריכטיק צעפיקן די אַלגעמיין־זאוואָדישע פארטיי־אָרגאניזאציע, אָריִענטירנדיק זיך אופן צעך. מע טאָר ניט פארשמירן די דערציִערישע ראָליע פון דער אַלגעמיין־זאוואָדישער פארטיי־אָרגאניזאציע און די באדייַטונג פון דער אַלגעמיין־זאוואָדישער פארטיי־פארזאמלונג אין הינזיכט פון אופנעמען אין דער פארטיי.

6. עס איז ארייַנגעטראָגן געוואָרן א ריי פאָרשלאָגן וועגן שאפן פארשיידנ־ערליי נייַע אָפטיילן בא די פארטאָרגאנען. די מעזיסן פון צעך זייַנען, ווי בא־ווּסט, געווענדט דערויף, מע זאָל פארקירצן די צאָל אָפטיילן, דערבייַ ווערן אַלס גרונט־אָפטיילן זייַן די פארוואַלטונג פון קאדרען און די פארוואַלטונג פון פראָ־פאגאנדע און אגיטאציע פון צעך און די אנטשפרעכיקע אָפטיילן אף די ערטער. און די כאווײרים גייען, פארקערט, אף פארברייטערן די אָפטיילן, זיי לייגן פאָר צו גרינדן נייַע אָפטיילן, ווי אשטייגער אן אָפטייל פון געזונט־פארהיטונג, אן אָפטייל פון סטאכאנאָווישער באוועגונג אאוו. (געלעכטער.)

דעם דאָזיקן פאָרשלאָג דארף מען אָפּווארפן. בלויז וועגן איין אָפטייל איז די פראגע, לויט מייַן מיינונג, א דיסקוטאבעלע: איך מיין די פראגע וועגן שאפן לאנדשוץ־אָפטיילן, וואָס מע דארף באהאנדלען אפן צוזאמענפאָר.

7. מע לייגט פאָר צו פארשפרייטן דעם פונקט וועגן פארטיי־אקטיוון אויך אף די דאָרפישע אָרגאניזאציעס. איך מיין, אז אויך די דאָזיקע פראגע וועט דער צוזאמענפאָר דארפן באהאנדלען, ווייַל דאָ זייַנען פאראן מאָטיוון סייַ פאר סייַ קעגן.

וועלכע מאָטיוון זייַנען פאר? זיי באשטייען אין דעם, וואָס אין די דאָר־פישע ראַיאָנען, באזונדערס אין די גרויסע, איז ניט שטענדיק צוועקמעסיק צונויפזאמלען בלויז אַלגעמיין־ראַיאָנישע פארזאמלונגען פון די קאָמוניסטן, אז מע דארף צונויפרופן אויך פארטיי־אקטיוון לויטן בייַשפיל פון די שטעט צו באהאנדלען לויפנדיקע פראגן פון דער פארטיי־פּאָליטיק. וואָס אָנבאלאנגט די מאָטיוון קעגן, איז גייען זיי ארויס פון דעם, וואָס אין דער מערהייַט דאָרפישע ראַיאָנען קאָן מען אין אַלע נייטיקע פאלן צונויפרופן אַלגעמיינע פארזאמלונגען פון די אָרגאניזאציעס. עס איז באוווּסט, אז די אַלגעמיינע פארזאמלונגען האָבן א קאָלאָסאלע דערציִערישע און אָרגאניזאציאָנעלע באדייַטונג. אייניקע כאווײרים האָבן מורא, אז די אקטיוון זאָלן ניט פארבייַטן די ראָליע פון דער אַלגעמיינער פארטיי־פארזאמלונג, אז מיט די אקטיוון דארף מען ניט מיסברויכן. די פראגע וואָלט, ווי איר זעט, געווען צוועקמעסיק דורכצוּוועטילירן אפן צוזאמענ־פאָר.

8. מע לייגט פאָר אייַנצופירן אין אַלע געגנטקאָמען און שטאָטקאָמען, צוגלייַך מיט די ביוראָען, סעקרעטאריאטן. דער דאָזיקער פאָרשלאָג נייטיקט זיך אויך אין באהאנדלונג אפן צוזאמענפאָר. עס זייַנען פאראן ארגומענטן פאר און קעגן. די ארגומענטן פאר זאָגן, אז ווען דער אָנפירונג איז נייטיק צו לייזן א גרויסע צאָל אָרגאניזאציאָנעלע פראגן, איז פאראן א באדערפעניש אין אזא צו־גאָב־אָרגאן, ווי א סעקרעטאריאט. ניט צוליב יעדער פראגע, זאָגן זיי, דארף מען צונויפרופן די ביוראָ. דאָס איז, פון ערשטן קוק, זייער א צוציִענדיקער, פראקטיש־

צוועקמעסיקער פאָרשלאָג. אָבער, פונ דער צווייטער זייַט, איז פאַראַנ א געפאַר, צי וועט ניט ברענגענ דאָס שאפנ סעקרעטאריאטנ צו דער פארמינערונג פונ דער ראָליע פונ די ביוראָענ, צו דער פארמינערונג פונ דער ראָליע פונ דער קאָלעקטיווער אָנפירונג?! צי וועט עס ניט ברענגענ צו א געוויסנ אריבערטראָגנ דעמ שווערפונקט פונ דער אָנפירונג פונ דער ביוראָ צו א מער ענגערער קאָלעגיע — צומ סעקרעטאריאט? איכ מיינ, אז די דאָזיקע פראגע פאָדערט פונקט אזוי באהאנדלט צו ווערנ אפנ צוזאמענפאָר.

9. מע לייגט פאָר צו פארקלענערנ דעמ סטאזש פאר די אָנפירנדיקע פארטיי־טוער, אונ אייניקע לייגנ פאָר ביכלאל ניט פארבינדנ מיט קיינ שומ סטאזש דאָס אויסוויילנ כאווייריִמ אפ אָנפירנדיקע פארטיי־פאָסטנס. איכ מיינ, אז דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז ניט קיינ ריכטיקער, ווייַל דער סטאזש איז נייטיק ניט נאָר אלס פאָרמעלער קריטערי, נאָר אויכ אלס באווייַז, אז עס איז פאראנ א געוויסע דערפארונג פונ פארטיי־ארבעט. מיר דארפנ ניט פארגעסנ די אָנווייַזונגענ פונעמ כאווער סטאלינ וועגנ דער נייטיקייַט צונויפצופאָרנ די דערפארונג פונ די יונגע אונ אלטע פארטיי־מיטגלידער. דער פאָרשלאָג וועגנ ענדערנ די באוווסטע פונקטנ פונעמ סטאטוט וועגנ סטאזש פאר די אָנפירנדיקע פארטיי-טוער, וואָס איז ארייַנגעטראָגנ געוואָרנ דורכ די טעזיסנ פונעמ צק, זיכערט, דעריבער, גענוג די ארויסרוקונג פונ יונגע קאדרענ, אונ גיינ ווייַטער אינ דער ריכטונג פונ נאָכ מער פארקלענערנ איז ניט צוועקמעסיק.

10. מע לייגט פאָר צו געבנ די רעכט פונ קאָנטראָל אויכ די סאָוועטישע קעמערלעכ, ווי די פראָדוצירישע. איכ מיינ, אז דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז ניט אָנעמבאר, ווייַל ער גייט ארויס פונעמ פארגעסנ די ספעציפישע באדינגונגענ פונ דער טעטיקייַט פונ די סאָוועטישע קעמערלעכ.

צו וואָס עס ברענגט דאָס דאָזיקע פארגעסנ די ספעציפישע באדינגונגענ פונ דער טעטיקייַט פונ די סאָוועטישע קעמערלעכ, באווייַזט די דערפארונג פונ דער ארבעט פונ די פארטיי-אָרגאניזאציעס פונעמ פאָלקאָמערד פונ פססר אונ פונעמ פאָלקאָמראטווירטנ פונ פססר.

די דאָזיקע פארטיי־אָרגאניזאציעס האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ קאָנטראָלירנ די טעטיקייַט פונ דער אָנפירונג פונ די פאָלקאָמאטנ, אונ אינ טאָכ האָבנ זיי גענומענ שאפנ אינ די פאָלקאָמאטנ א צווייטנ צענטער, וואָס האָט זיכ פארבונדנ מיט דער פעריפעריע, האָט איר געגעבנ דירעקטיוונ אאוו. אינדערעמעסנ, גיט כאָטשבי א קוק אפ די פראגנ, וואָס די דאָזיקע פארטאָרגאניזאציעס באהאנדלענ. די פארטאָרגאניזאציע פונעמ פאָלקאָמערד האָט באהאנדלט די פראגע וועגנ דעמ גאנג פונעמ פארזייַ אינ פססר! (געלעכטער.) דאָס איז דאָכ קאָמיש! גלייַכ ווי זי קאָנ פונדאנענ דיסקאָנטירנ, וואָס עס טוט זיכ ערגעצ אפ קובאנ, אינ מיטל־אזיע מיטנ גאנג פונעמ פארזייַ, — אונ גיט „דירעקטיוונ". זי באהאנדלט פראגנ וועגנ דער צוגרייטונג צו דער שניט-קאמפאניע, וועגנ באזאָרגנ די מטס מיט ברענשטאָפ, וועגנ נאָרמאלנ פינאנסירנ די מטס אאוו. אדג., דה. זי פרווווט זיכ דובלירנ אונ פארבייַטנ דעמ פאָלקאָמאט. פונ דער דאָזיקער זאכ וועט קיינ רעכטס ניט ארויסקומענ.

די פארטאָרגאניזאציע פונעמ פאָלקאָמראטווירטנ האָט באהאנדלט די פראגנ

וועגן דעם גאנג פון היי־אראפנעם אין די ראטווירטן פון מיזרעכ. (געלעכ־טער.) וואס קאן זי זאגן וועגן דער זאזיקער פראגע? זי פרווט אויכ געבן „דירעקטיוון”.

אנשטאט צו ארגאניזירן דעם קאמפ פאר אפהיטן די פארטייישע און מע־לוכישע דיסציפלין, פאר דעם געהעריקן דורכקאנטראלירן די אויספילונג פון די רעגירונגס־דירעקטיוון, פארן צושטאנד פונעם אפאראט, דער זאכלעכער און פא־ליטישער קוואליטעט פון זיינע טוער, צו סיגנאליזירן וועגן די כעסרוינעס אין דער ארבעט פונעם אפאראט פון ז'עם פאלקאמאט — אנשטאט דעם פרווט זיכ מענטשן פארבייטן די אנפירונג מיטן פאלקאמאט, אנצופירן מיט דער פערי־פעריע.

מיר האבן דא צו טאן מיט א פעלערהאפטער פראקטיק, וועלכע מע טאר ניט סטימולירן. דאס איז א מוסטערל פון צונויפמישן עלעמענטארע באגריפן וועגן די אופגאבן פון א סאוועטיש קעמערל. דאס איז א פאראדיע אפ אנפירונג, א פרווו צו שאפן א פאלקאמאט אין א פאלקאמאט.

די ספעציפיק פון דער טעטיקייט פון די סאוועטישע קעמערלעכ באשטייט דערין, וואס זיי קאנען ניט נעמען אפ זיכ קיינע פונקציעס פון קאנטראלירן די ארבעט פון א סאוועטישן אנשטאלט לויטן טאכ, — דערופ זיינען פאראן העכער־שטייענדיקע פארטייישע און סאוועטישע אינסטאנצן.

אבער דאס באטייט ניט, אז די עושטיקע פארטארגאניזאציעס פון די סאַ־וועטישע אנשטאלטן האבן ניט די מעגלעכקייט צו ווירקן אפ דער ארבעט. פאר־קערט, די ראליע פון די סאוועטישע פארטארגאניזאציעס איז ביז גאר וויכטיק. אויב א פארטארגאניזאציע פון אן אנשטאלט באמערקט רעכטצייטיק אומארדענונ־גען אין דער ארבעט פונעם אנשטאלט, — צום ביישפיל, ווי עס האלט מיטן פאנאנדערקלייבן די אנקלאגעס און מעלדונגען פון די ארבעטנדיקע, מיטן אופנעמען באזוכער (און די דאזיקע פראגן האבן זייער א שארפע באדייטונג אין דער ארבעט פון די סאוועטישע אנשטאלטן), מיט דער ארבעט־דיסציפלין, מיט דער ארבעט פונעם אפאראט אאוו., — אויב א סאוועטיש קעמערל סיגנאליזירט וועגן די דאזיקע כעסרוינעס אין צק אלקפ(ב) און דער אנפירונג פונעם פאל־קאמאט, איז מיט דעם אליין פארווירקלעכט עס די וויכטיקסטע זאכ פון פאר־בעסערן דעם מעלוכע־אפאראט.

11. מע לייגט פאר צו דערלויבן ארגאניזירן ביוראען אין די ערשטיקע פארטיי־ארגאניזאציעס און אין די צעכזווע פארטיי־ארגאניזאציעס מיט א צאל מיטגלידער פון 7—10 מאנ.

7 מאנ ווילן אויס א ביורא פון 3 מענטשן! דאס וואלט באטייט פארבייטן די אלגעמיינע פארזאמלונג פון דער פארטיי־ארגאניזאציע דורכ א פארזאמלונג פון דער ביורא, וואס דאס איז ניט ריכטיק.

אזעלכע זיינען די פארשלאגן און דערגאנצונגען, וואס האבן א דירעקטע שייכעס צום סטאטוט, נאר וואס זיינען, לויט מיין מיינונג, ניט אנעמבאר.

איכ וועל אריבערגיין צו די פארשלאגן, וועלכע זיינען, לויט מיין מיינונג, אנעמבארע.

1. א ריי כאווירים ווייזט אן אפ דער נייטיקייט איבערצוארבעטן דעם ארייַנ־

פיר צום סטאטוט פון דער אלקפ(ב) אין העסקעם מיט דער געענדערטער סיטוא־ציע אינעם לאנד.

איך מיין, אז דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז א ריכטיקער און עס איז נייטיק אָנעמען אים.

2. א זייער לעבהאפטער מיינונג־אויסטויש בייס דער דיסקוסיע איז פאָרגע־קומען ארום דער פראגע וועגן די גרופּעס מיטפילנדיקע. אורטיילנדיק לויט די אמערסטן פארשפרייטע מיינונגען, דארף מען אָפּשאפן די גרופעס מיטפילנדיקע.

די כאווירים ווייזן אָן, אז אין די באדינגונגען פון דעם קאָלאָסאַלן וווּקס פונעם אומפּארטייִשן אקטיוו ארום דער פּארטיי, אין די באדינגונגען פון באנייען דעם אופנעם אין דער פּארטיי האָבן די גרופעס מיטפילנדיקע שוין אופגעהערט צו שפּילן זייער ראָליע. דער אופנעם אין דער פּארטיי גייט אין גרונט אויסער די גרופּעס מיטפילנדיקע. וועגן דעם באווייזט, צום ביישפּיל, דער פאקט, וואָס אין דער צאָל ניי־אופגענומענע פאר קאנדידאטן אין די לעצטע צוויי יאָר בא־טרעפן די מיטפילנדיקע בלויז 21 פּראָצענט.

זיינען מיר מעכויעוו צו דיסקאָנטירן די דאָזיקע פּראקטישע דערפארונג? איך האלט, אז מיר זיינען מעכויעוו.

ארום דער פּארטיי איז פאראן א גרויסע צאָל אָרגאניזאציעס, וואָס פאר־בינדן די פּארטיי מיט די מאסן. איך מיין אזא אָרגאניזאציע, ווי די פּראָפעסיאָ־נעלע פאריינען, וועלכע דארפן אין רעזולטאט פון זייער ארבעט פון דערציִען זייערע מיטגלידער אופהייבן דעם ניוואָ פון די מיטגלידער פונעם פּראָפעסיאָנעלן פאריין ביזן ניוואָ פון פארשטיין די אופגאבן פונעם קאָמוניסטישן אוואנגארד, דה. ביזן ניוואָ פון פּארטייִשקייט, און צוגרייטן זייערע בעסטע מענטשן צום אריינטרעטן אין דער פּארטיי.

אונדזערע פּראָפפאריינען, צום באדויערן, שטעלן ניט אין דער גענוגער מאָס פאר זיך די דאָזיקע אופגאבע, אָבער די דירעקטע אופגאבע פון די קאָמוניסטן, וואָס ארבעטן אין די פּראָפפאריינען, באשטייט דאָך אין דורכפירן א דערציִערישע ארבעט אין די פּראָפפאריינישע אָרגאניזאציעס מיט אזא אויסרעכענונג, אז אין רעזולטאט פון דער דאָזיקער ארבעט זאָל דער אייבערשטער שיכט, דער אקטיוו פון די פאריינען דערפירט ווערן ביזן ניוואָ פון פּארטייִשקייט.

מיר האָבן א פארצווייגטע סיסטעם פון פארשיידענע געזעלשאפטלעכע אָר־גאניזאציעס — סאָוועטן, קאָמיוג, קאָאָפּעראציע, אָסאָאוויאכים אאוו., ארום וועלכע עס איז פאראן א ברייטער אומפּארטייִשער אקטיוו, פון וועלכן מיר קאָנען אָפּ־קלייבן די בעסטע מענטשן פאר אופנעמען אין דער פּארטיי.

פון דעם דאָזיקן שטאנדפּונקט פארשמעלערן די גרופעס מיטפילנדיקע די מעגלעכקייט פון צוגרייטן די בעסטע מענטשן פונעם ארבעטער־קלאס, פונעם קאָל־ווירטישן פויערטום און אינטעליגענץ אריינצוטרעטן אין דער פּארטיי.

איך האלט, אז בעסער איז אופנעמען די צוגעגרייטע, בעסטע, פאָרגעשריי־טענע מענטשן ניט אין די גרופּעס מיטפילנדיקע, נאָר דירעקט פאר פּארטיי־קאנדידאטן. (אפלאָדיסמענטן, שטימען: „ריכטיק".)

3. מע לייגט פאָר צו פארעפנטלעכן אין דער פרעסע די באשלוסן וועגן אופשטעלן די ניט־ריכטיק אויסגעשלאָסענע פון דער פּארטיי.

די דאָזיקע דערגאַנצונג איז א ריכטיקע און קאָן אָנגענומען ווערן.

4. מע לייגט פאָר אויסצושליסן פונעם סטאַטוט דעם פונקט וועגן דער קאָמיסיע פון סאָוועטישן קאָנטראָל אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס דער פאָרשלאָג וועגן ענדערן דעם כאַראַקטער פון דער אַרבעט פון דער קפּק דאַרף ברענגען מיט זיך אויך אַן ענדערונג פון דעם כאַראַקטער פון דער טעטיקייט פון דער קאָמיסיע פון סאָוועטישן קאָנטראָל און אַז דעם רעגלאַמענט וועגן דער קאָמיסיע פון סאָוועטישן קאָנטראָל איז נייטיק צו באַשטעטיקן אין דער סאָוועטישער אָרדענונג.

איך מיין, אַז דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז א ריכטיקער, ווייל די קאָנסטיטוציאָנעלע ענדערונגען אין דער סטרוקטור פון אונדזערע געזעצגעבערישע אָרגאַנען און אויספיר־אָרגאַנען פון דער ראַטנמאַכט פאָדערן, אָן ספק, עס זאָלן אַרייַנגעטראָגן ווערן אַנטשפּרעכיקע קאָרעקטיוון בנוגע דער קאָמיסיע פון סאָוועטישן קאָנטראָל.

5. ווייַטער, איז פאַראַן נאָך א דערגאַנצונג צום סטאַטוט, וועלכע מע דאַרף אָננעמען: מע לייגט פאָר צו פיקסירן אינעם סטאַטוט, אַז אין דער פּאַרטיי ווערן אָנגענומען כאַווײרים, וואָס זייַנען אַלט געוואָרן 18 יאָר. (אַפּלאָדיסמענטן.)

6. עס זייַנען אַרייַנגעטראָגן געוואָרן זייער וועזנטלעכע דערגאַנצונגען, וואָס האַלטן פאַר נייטיק צו פאָרמולירן מער פּינקטלעך אינעם סטאַטוט א ריי פראַגן, וואָס זייַנען נעגייע דעם קאָמיוג. בא אונדז אין סטאַטוט זייַנען די פראַגן וועגן קאָמיוג ניט גענוג אָפּגעשפּיגלט. אינעם סטאַטוט זייַנען פאַראַן דרייַ פּונקטן וועגן קאָמיוג. דער ערשטער איז נעגייע דעם, וואָס יוגנט ביזן 20־יאָריקן עלטער ווערט אָנגענומען בלויז דורכן קאָמיוג. דער צווייטער פּונקט רעדט וועגן דעם, אַז א רעקאָמענדאַציע פון א ראַיקאָם פון קאָמיוג ווערט צוגעגליכן צו 2 רעקאָמענדאַציעס פון פּאַרטיי־מיטגלידער, און דער דריטער פּונקט איז נעגייע דעם שאַפן פּאַרטייאיש־קאָמיוגישע גרופּעס דאָרט, ווו עס זייַנען ניטאָ קיין ערשטיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס.

די דאָזיקע סטאַטוט־האַנאָכעס, וואָס באַשטימען די קעגנזייַטיקע באַציִונגען פון דער פּאַרטיי און קאָמיוג, זייַנען שוין איצט ניט גענוגנד. מיר דוכט, אַז עס איז נייטיק אַרייַנצוטראָגן צו באַהאַנדלען אָפּן צוזאַמענפאָר אַזעלכע צוויי האַנאָכעס:

ערשטנס. די קאָמיוגיסטן, וואָס זייַנען אַרייַנגעטראָטן אין דער פּאַרטיי און וואָס זייַנען ניט דער „קאָמאַנדיר״־באַשטאַנד פון קאָמיוג,—איך מיין דאָ די געווייןלעכע קאָמיוגיסטן, — זייַנען ניט מעכויעוו צו זייַן אין צוויי אָרגאַניזאַציעס — אין דער פּאַרטייאישער און קאָמיוגישער. ריכטיקער וועט זייַן, ווען זיי, די דאָזיקע קאָמיוגיסטן, וואָס פירן ניט לויטן אויפטראָג פון דער פּאַרטיי קיין פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט אין די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פונעם קאָמיוג, זאָלן זייַן בלויז אין דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. (אַפּלאָדיסמענטן.)

די פּראַקטיק איז אַזאַ (און א פּראַקטיק ניט גאָר קיין ריכטיקע), אַז בא אונדז הייבט מען אָן אַריבערפירן פון קאָמיוג פאַר פּאַרטיי־מיטגלידער פון 25—26־יאָריקן עלטער, דה., דעריקער, איבערגעוואַקסענע. און איצט זאָגט מען אין קאָמיוג: צוערשט וועלן מיר אָפּקלייַבן פאַר דער פּאַרטיי די איבערגעוואַקסענע, און דערנאָך וועלן מיר זיך שוין נעמען פאַר די מער יינגערע קאַדרען. די

סטאטוט-דערגאנצונג וועגן דעם, אז אין דער פּאַרטיי קאָנען אָנגענומען ווערן יונגע מענטשן פון 18־יאָריקן עלטער, וועט האָבן א גרויסע באַדײַטונג פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון דער דערציִערישער ארבעט אינעם קאָמיוג. דאָס „צוואַנציק־יאָריקע קליינוואַרג" (געלעכטער) געפינט זיך בא אונדז אין א שווערער לאַגע, ווײַל מע לאָזט זיי „אײַנגעשטאַנען ווערן" אין קאָמיוג און מע אײַלט זיך ניט איבערצוגעבן זיי אין דער פּאַרטיי, און גראַדע די צוואַנציקיאָריקע שטעלן מיט זיך פאַר מענטשן אינעם אופּבלי פון די קרעפטן, פון געזונט, זיי האָבן אַלע בירגער־רעכט. איך האַלט, אַז עס וואָלט געווען ניט צוועקמעסיק צו פאַרהאַלטן די דאָזיקע מענטשן צו איבעריקע 5—6 יאָר אין קאָמיוג, פאַרשווערקנדיק פאַר זיי דעם אופנעם אין דער פּאַרטיי.

קאָמיוגיסטן, וואָס פירן ניט קיין אָנפירנדיקע ארבעט אין קאָמיוג און וואָס זײַנען ארײַנגעטראָטן אין דער פּאַרטיי, דאַרף מען דערלויבן צו זײַן בלויז אין איין אָרגאַניזאַציע, און נעמלעך אין דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. דאַן וועלן זיי דורכמאַכן די שול סײַ פון דערציִערישער סײַ פון אָרגאַניזאַציאָנעלער ארבעט דורכויס אין דער פּאַרטיי. פאַרוואָס דאַרפן זיי זײַן אונטערגעוואָרפן צוויי ראַי־קאָמען, צוויי ערשטיקע אָרגאַניזאַציעס? פאַרוואָס דאַרפן זיי זיך פאַרטראַכטן אָפּ דעם, אין וואָס פאַר א קרײַז זיי זאָלן גיין — אין קאָמיוגישן אָדער אין פּאַרטייִשן? מיר דוכט, אַז מע דאַרף קלאָר באַשטימען די לאַגע פון די פּאַרטייִשע קאָמיו־גיסטן. דו האָסט דורכגעמאַכט אין קאָמיוג א צוגרייטונג־שול פון דערציִונג, ביסט ווערט איצט צו זײַן אין דער פּאַרטיי, און מע האָט דיך אופגענומען אין אירע רייען. הייסט עס, אַז דו ארבעטסט אויך אין איר אָרגאַניזאַציע. מיר דוכט, אַז דאָס וועט ארײַנטראָגן קלאָרקײַט אין דער לאַגע פון די קאָמוניסטן פונעם קאָמיו־גישן עלטער און וועט גלײַכצײַטיק אופהייבן די גאַנצע ארבעט פונעם קאָמיוג צו דערציִען, צו צוגרייטן די בעסטע מענטשן אין דער פּאַרטיי. (אַפּלאָדיס־מענטן.)

צווייטנס. מיר דוכט, אַז עס איז געקומען די צײַט צו פאַרשטאַרקן די ראָליע פונעם קאָמיוג אין אונדזער מעלוכישער און ווירטשאַפטלעכער בויונג און אָפּשפּיגלען דאָס אינעם סטאַטוט פון דער פּאַרטיי.

כאַווײרים, בא זײַן גאַנצער קאָלאָסאַלער באַדײַטונג, בא דער גאַנצער קאָ־לאָסאַלער הילף, וואָס דער קאָמיוג ווײַזט אַרויס דער פּאַרטיי, לײַדט ער אָפּ איינ־כיסאָרן, אָפּ וועלכן עס איז נייטיק צו ווענדן די אופמערקזאַמקײַט סײַ פונעם קאָמיוג סײַ פון אונדזערע פּאַרטאָרגאַניזאַציעס, — דאָס איז דער ניט־גענוגנ־דיקער אָנטייל פונעם קאָמיוג אינעם מעלוכישן לעבן, די צו גרויסע ארײַנגעטאָנ־קײַט אין אינערלעכ־קאָמיוגישע פראַגן.

מיר דאַרפן איצט א קוק טאָן אָפּ דער זאַך פון דער צווייטער זײַט: אויב מע זאָל ריידן וועגן דער אַגיטאַציאָנעל־פּראָפּאַגאַנדיסטישער ארבעט פונעם קאָמ־יוג, דאַן איז אין דער שײַן פון דער לעצטער באַשטימונג פונעם צק אַלקפּ(ב) פולשטענדיק קלאָר, אַז די דאָזיקע ארבעט וועט אין א באַדײַטנדיקער מאָס פירן די פּאַרטיי. מיר דאַרפן מיט אַלערליי מיטלען העלפן דעם קאָמיוג אין דער דאָ־זיקער הינזיכט סײַ מיט קאַדרען סײַ מיט דערפאַרונג. און אַנדערש קאָן דאָס ניט זײַן.

די אינערלעכ-קאָמיוגישע ארבעט איז זייער א וויכטיקע זאכ. אָבער אינ נאָמענ פונ וואָס דארפ זי געפירט ווערנ? זי קאָנ דאָכ ניט זיינ קיינ זעלבסטציל. איכ רעכנ, אז די גאנצע קאָמיוגישע ארבעט דארפ מענ שארפ א קערעווע טאָנ אפ דער צוגרייטונג פונ די קאָמיוגיסטנ צו איקטיווער מעלוכישער אונ פארטייִשער טעטיקייט, צו דער רעאליזירונג פונ דער וויכטיקסטער אופגאבע פונעמ קאָמיוג, וועלכע איז פארבונדנ מיט זיינ ראָליע פונ א *געהילפ* פונ דער פארטיי.

אונ וואָס באטייט דאָס פראקטיש? פראקטיש באטייט דאָס, אז, צומ ביישפיל, דאָרט, ווו עס איז ניטאָ קיינ ערשטיקע פארטאָרגאניזאציע, נאָר עס איז פאראנ אנ ערשטיקע קאָמיוגישע אָרגאניזאציע, דארפ זי נעמענ אפ זיכ די ראָליע פונ אנ אקטיוונ דורכפירער פונ די פארטיי־דירעקטיוונ. פארוואָס קאָנ זי ניט נעמענ קיינ אָנטייל אינ באהאנדלענ אונ לייזנ ווירטשאפטלעכע פראגנ? לאָמיר זאָגנ, עס איז ניטאָ קיינ אָרדענונג אינ א פארוואלטונג פונ א קאָלווירט, עס האלט שלעכט מיטנ פארזיי, עס האלט שלעכט מיט דער ארבעט־דיסציפלינ, — פארוואָס זאָל די קאָמיוגישע אָרגאניזאציע ניט קאָנענ באהאנדלענ די דאָזיקע פראגנ? פארוואָס קאָנ די קאָמיוגישע אָרגאניזאציע ניט באהאנדלענ די פראגע וועגנ דער שלעכטער ארבעט פונ דער פארוואלטונג פונ קאָלווירט אונ אָרגאניזירנ די זאכ אזוי, אז די שלעכטע פארוואלטונג זאָל מענ פארביטנ אפ א גוטער? פארוואָס קאָנ די קאָמיוגישע אָרגאניזאציע ניט באהאנדלענ די פראגע וועגנ דער שלעכטער אָרדענונג אינ דאָרפראט? פארוואָס קאָנ זי ניט נעמענ אפ זיכ, לויטנ אופטראָג פונעמ ראיקאָמ פונ דער פארטיי, צו דורכפירנ פארטיי־אופטראָגנ, דירעקטיוונ, וואָס איצט איז ניטאָ, ווער עס זאָל זיי אויספילנ, בלויז דערפאר, ווייל עס איז ניטאָ קיינ ערשטיקע פארטיי־אָרגאניזאציע? איכ מיינ, אז די קאָמיוגישע אָרגאניזאציע קאָנ אונ דארפ דאָס טאָנ. די קאָמיוגישע אָרגאניזאציעס דארפנ האָבנ דאָס רעכט פונ איניציאטיוו צו שטעלנ פאר די פארטיי־אָרגאניזאציעס גרויסע אונ קליינע פראגנ פונ מעלוכישער אונ ווירטשאפטלעכער אויבעט, פראגנ וועגנ פארבעסערנ די ווירטשאפטלעכע ארבעט אינ דער אונטערנעמונג אָדער אינ קאָלווירט, וועגנ דער סטאכאנאָווישער באוועגונג, וועגנ דעמ צושטאנד פונ דער באָד, וועגנ דעמ צושטאנד פונ דער וועשעריי, וועגנ דער שלעכטער אָרדענונג אינ דער גאסנ־באוועגונג, וועגנ כוליגאנעריי אינ שול אאוו., — איכ וועל ניט איבערכאזערנ אלע גרויסע אונ קליינע פראגנ פונ אונדזער סאָוועטישער, ווירטשאפטלעכער בויונג. א סאכ פארנעמענ זיכ דערמיט איצט אונדזערע קאָמיוגישע אָרגאניזאציעס? איכ באהויפט, אז ווייניק. אויב די קאָמיוגישע אָרגאניזאציעס וועלנ זיכ נעמענ פאר אזעלכע פראגנ אונ וועלנ באהאנדלענ ניט נאָר די פראגנ פונ דער אינערלעכ־קאָמיוגישער ארבעט, וועלנ זיכ ניט נאָר קאָכנ אינ זייער אייגענעמ זאפט, דאנ וועלנ זיי דערמיט גופע ארויסגיינ אפנ ברייטנ וועג פונ א מער אקטיוונ אָנטייל אינ אונדזער גאנצער סאָציאליסטישער בויונג. דער וווקס פונ די קאדרענ פונ די קינפטיקע פארטייִשע אונ מעלוכישע טוער וועט באדייטנדיק פארשנעלערט ווערנ. די קאָמיוגיסטנ וועלנ באקומענ אנ עמעסע שול פונ דערציִונג. (*אפלאָדיסמענטנ*.)

ארויסגייענדיק פונ דעמ, האלט איכ, אז מע דארפ ניט אָנעמענ די פארשלאָגנ וועגנ ליקווידירנ די פארטייִש־קאָמיוגישע גרופנ, די פאָרשלאָגנ, וואָס דרינגענ ארויס פונ דעמ, אז די דאָזיקע גרופנ זיינענ, קלוימערשט, ניט לעבנספייִק. זיי

זײַנען איצט ניט לעבנספעיִק דערפאר, ווײַל זיי ווייסן ניט, מיט וואָס זיך צו פארנעמען. אויב מיר וועלן אין דער ארבעט פון די פארטייִש־קאָמיוגישע גרופן ארײַנגיסן א נײַעם אינהאלט, אויב, צום בײַשפּיל, די קאָמוניסטן פון דאָרף—ווי־באלד עס איז וויניק קאָמוניסטן אפּ אָרגאניזירן א פארטאָרגאניזאציע — און די קאָמיוגיסטן וועלן זיך צונויפקומען צוזאמען און באהאנדלען די פראגע, וויאזוי צו פארבעסערן די ארבעט אין קאָלווירט, וויאזוי צו פארבעסערן די קולטור־פּאָליטישע ארבעט, וועלן זיך צונויפריידן וועגן אן אלגעמיינער ליניע פון אויפֿירונג אין די וויכטיקסטע פראגן פון פּאָליטישער,ווירטשאפטלעכער, קולטורעלער ארבעט אין דאָרף, — איז דאן נייטיק איבערלאָזן אזעלכע פארטייִש־קאָמיוגישע גרופן, און ניט ליקווידירן. (אויסברוך פון אפּלאָדיסמענטן.)

7. דער ווײַטערדיקער פאָרשלאָג באשטייט אין דעם, אז מע זאָל ניט אָפּנע־מען דעם פארטיי־בילעט בא דעם אויסגעשלאָסענעם פון דער פארטיי ביז די אויסשליסונג וועט באשטעטיקט ווערן פונעם געגנטקאָם. דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז ריכטיק, און מע דארף אים אָננעמען.

8. עס איז געווען א פאָרשלאָג, אז די פּלענומס פון די שטאָטקאָמען און ראיקאָמען זאָל מען צונויפרופן ניט זעלטענער ווי איין מאָל אין אָנדערהאלבן כאדאָשים. אויך דעם דאָזיקן פאָרשלאָג איז צוועקמעסיק אָנצונעמען.

9. מע האָט פאָרגעלייגט אלס ענדערונג צום אנטשפּרעכיקן פאראגראפ פונעם סטאטוט דערלויבן אָרגאניזירן פארטיי־גרופּעס אויך אין די פארטיי־אָרגאניזאציעס, וווּ עס איז ניטאָ קיין הונדערט קאָמוניסטן. ווי איר ווייסט, ווערן לויטן סטאטוט פארטיי־גרופּעס אָרגאניזירט בלויז דאָרט, וווּ עס געפינען זיך הונדערט און העכער קאָמוניסטן. איך האלט, אז דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז אויך אָנעמבאר.

10. עס איז פאָרגעלייגט געוואָרן נאָך איין ענדערונג פון סטאטוט, וועלכע באשטייט אין דעם, אז באם אופנעמען אין דער פארטיי זאָל מען ניט פאָדערן פון דעם, וואָס טרעט ארײַן, קיין אָפּרוף פון געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס. מיר דוכט, אז דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז א צוועקמעסיקער. אפּ ארײַנצוטרעטן אין דער פארטיי איז פולקום גענוג רעקאָמענדאציעס פון פארטיי־כאווירים.

אזעלכע זײַנען די פאָרשלאָגן און דערגאנצונגען צום סטאטוט, וועלכע עס איז צוועקמעסיק אָנצונעמען.

* * *

כאוויירים, די דיסקוסיע איבער די סטאטוט־פראגן האָט געבראכט דער פארטיי א קאָלאָסאלן נוץ. זי האָט באוויזן דעם וווּקס פון דער פאראנטוואָרטלעכקײַט פון די פארטיי־מיטגלידער פארן גורל פון דער פארטיי, דעם וווּקס פון דער זאָרג פון יעדן פארטייער פאר זייער מוטער — דער פארטיי. די דיסקוסיע האָט באוויזן דעם קאָלאָסאלן וווּקס פון דער אידייִשער באהעפטקײַט פון די מיטגלידער פון אונדזער פארטיי.

לויט איר פארנעם איז די דיסקוסיע געווען אן אבסאָליוט ניט־געוועזענע דערשײַנונג אינעם לעבן פון אונדזער פארטיי. זי האָט באוויזן, אז די פארטיי גייט מיט פולן אימפּעט צו דער פולשטענדיקער אקטיוויזירונג פון אירע רייען, וואָס דאָס באטײַט א נאָך ניט געזעענעם שוווּנג פון דער טעטיקײַט פון דער פארטיי.

דער פּסטר איז אריינגעטראָטן אין א נייער פאזע פון אנטוויקלונג, — אין דער פאזע פון פאָרענדיקן די בויונג פון סאָציאַליזם און פון דעם בעהאדראָגעדיקן אריבערגאנג פונעם סאָציאַליזם צום קאָמוניזם.

אף דעם דאָזיקן נייעם עטאפּ פון אונדזער אלוועלטלעך־היסטאָרישער זאַך ווערט נאָך העכער אופגעהויבן די ראָליע און די באדייטונג פון אונדזער פּארטיי.

פאר דער פּארטיי שטעלן זיך נייע גראנדיעזע און פארכאפנדיקע פּערספּעק־טיוון, עס שטעלן זיך נייע גרויסע, קאָמפּליצירטע אופגאבן. קעדיי צו לייזן די דאָזיקע אופגאבן און צו אויספילן איר ראָליע פון א פאָרגעשריטענעם קעמפער פאר דער אויסבויונג פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט, דארף אונדזער פּארטיי אומדערמידלעך שאַפן איר אָרגאניזאַציאָנעל געווער. דער סטאטוט פון דער פּארטיי, אָנגענומענע פון אונדזער צוזאמענפאָר, וועט זיין דער סטאטוט פון דער פּארטיי פונעם סאָציאַליזם, וואָס האָט געזיגט, דער סטאטוט, וואָס באוואָפנט די פּארטיי־מיטגלידער פארן דערפאָלגרייכן אויספילן די אופגאבע פון בעהאדראָ־געדיקן אריבערגאנג צום קאָמוניזם. (שטורמישע אפּלאָדיסמענטן.)

א באוואָפנטע מיט א פאָרגעשריטענער טעאָריע, א באוואָפנטע מיט דער סאמע פאָרגעשריטענער פּאָליטיק, מיט דער אָרגאניזאציע און אידעאָלאָגיע פון דעם סאמע פאָרגעשריטענעם קלאס, באהעפט ארום זיך דאָס גרויסע פילמיליאָ־ניקע סאָוועטישע פאָלק, גייט אונדזער פּארטיי אין שלאכט פאר דעם בעהאדראָ־געדיקן אריבערגאנג צום קאָמוניזם. (שטורמישע אפּלאָדיסמענטן.)

ניט איין מאָל האָבן די קריכעס פונעם פוילנדיקן קאפּיטאליזם געפּרווט און וועלן פּרווון אָפּצושטעלן אונדזער זיגרייכן מארש.

מיר ווייסן, אז פאָרויס וועלן זיין שוועריקייטן. מיר פארשטייען די קאָמ־פּליצירטקייט פון די נייע אופגאבן, וואָס זיינען פאר אונדז געשטעלט געוואָרן. אָבער מיר ווייסן אויך די מיטלען און באדינגונגען פאר אונדזער ענדגילטיקן זיג.

דער כאַווער סטאלין האָט נאָך אפן XVI פּארטיי־צוזאמענפאָר געזאָגט, אז אונדזער פּארטיי איז אומבאזיגבאר, אויב זי האָט קיין מוירע ניט פאר שווערי־קייטן און ווייסט, וווהין צו פירן די זאַך. אזא אומבאזיגבארע פּארטיי איז טאקע אונדזער גרויסע באָלשעוויסטישע פּארטיי. (שטורמישע אפּלאָדיסמענטן פונעם גאנצן זאל, אלע שטעלן זיך אוף.)

כאַווײרים, מיר, די קריגער פון דער ארמיי פון די גרויסע פּראָלעטארישע סטראטעגן, פון דער ארמיי פון לענין — סטאלין, באהעפטע ארום דעם לעניניש־סטאלינישן צק, ארום אונדזער לערער און פירער כאַווער סטאלין, וועלן דורכטראָגן אונדזער באָלשעוויסטישע פאָן, וואָס איז באצירט מיט רום, צום פולן זיג פון קאָמוניזם. (שטורמישע אפּלאָדיסמענטן פונעם גאנצן זאל.)

זאָל לעבן אונדזער גרויסע פּארטיי!

זאָל לעבן דער גייסט, דער מאָרך, דאָס הארץ פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי, פונעם גאנצן סאָוועטישן פאָלק, פון דער גאנצער פּראָגרעסיווער פאָר־געשריטענער מענטשהייט — אונדזער סטאלין! (שטורמישע, לאנגדויערנ־דיקע אפּלאָדיסמענטן, וואָס גייען אריבער אין אן אָוואציע, אלע שטעלן זיך אוף, אויסרופן „הורא“.)